# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 143) צוועלפטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט

חנוכה און ליכט פון אונזערע איצטיקע נצחונות.....................** 1
די ירושה פון אַ פאָלק (עסיי)........................מ. ווילענסקי 5
ברוך השם (ליד)....................................יוסף פערלשטיין 9
נישטאָ קיין מתים אין ישראל (הומאָרעסקע)..............א. מ. קייזער 10
דערשלאָג זיך מיין האַרץ צום באַשייד (פאָעמע).........אברהם לעוו 14
סיר סטעמפאָרד קריפּס..............................משה עובד 16
אויפן דאַנטע־סקווער, איזראַעלס (צוויי מיניאַטורן)........ש. טענענבוים 19
לידער און באַלאַדע..................................א. נ. שטענצל 21
דריי אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן.........................רחל מירסקי 27
נאָך צוויי רעליגיעזע מיניסטאָרן אין ישראל..............ש. ערנסט 29
דער קריזיס פון דער באָרד (פעליעטאָן)..................יוסף פרענקעל 32
וועגן שרייבער און ביכער — ש. מיללער און לייב ראָכמאַן
דר. יעקב י. מייטליס 35
דריי שטעט פינף ביכער — פאַריז....................אליהו פאַלושאַק 41
ש. טענענבוים דער עסייאיסט און נאָוועליסט...........יוסף הלל לעווי 45
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס.................. 48

**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

אַבאָנענט־פרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

**exhibited monthly in the main window**

*January* *Renaissance Jewellery.*
*February* *Boxes.*
*March* *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* *Jewels by Sah*
*May* *Stuart Jewellery.*
*June* *Children's Jewellery.*
*July* *Cameos and Intaglios.*
*August* *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* *Antique Jewish Ornaments.*
*October* *Oriental Jewellery.*
*November* *Precious and semi-precious Stones.*
*December* *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

**IDEAL TRIMMINGS LTD.**

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1
*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*

## גאַלאַ־קאָנצערט

**דינסטאָג, דעם 18־טן דעצעמבער, 8 אַזייגער**

אין סטאָק ניואינגטאָן טאָון האָל, טשאָרטש סטריט, נ.16.

עס באַטייליקן זיך די באַרימטע לאָנדאָנער קינסטלער:

**חנה צעלניקער, רות בערגנער, חנה מעצגער, אַנאַ באום**

**יידל גאָלדבערג, מאַקס באום און הערמאַן טוניס**

*** אַן אָוונט פון טאַנץ און געזאַנג און פריילעכע דעקלאַמאַציעס ***

בילעטן ביי דער קאַסע.


צו דער חתונה פון **יוסף בוים** מיט **מילי פייגענבוים** ווינטשן מיר אַ האַרציק מזל־טוב און פיל גליק אין זייער צוזאַמענלעבן.

די געסט פון אייזענבערגס רעסטאָראַן.

אַ האַרציקן מזל טוב און אַ סך ברכות צו דער בר־מצוה פון הבחור יעקב דער זון פונעם רעדאַקטאָר פון דער „יידישע פּאָסט“, דעם רבין פון מחזיקי־הדת **הרב נתן ארטמאַן**, שליט״א און זיין פרוי.

„לשון און לעבן“.

### די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון קומענדיקן חודש

מיר בעטן אונזערע פריינט און מיטגלידער צו באַצאָלן זייערע מיטגליד־געלד, כדי זיי זאָלן זיין באַרעכטיקט צו וועלן ביי די וואַלן פון נייעם קאָמיטעט.

פריינט פון יידיש לשון.

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער סעקרעטאַר **נחמן רובין** צום טויט פון זיין **מוטער**.

פריינט פון יידיש לשון.

„לשון און לעבן“.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 143) צוועלפטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1951 לאָנדאָן


## חנוכה אין ליכט פון אונזערע איצטיקע נצחונות

1

אַז מען שטייט פּנים אל פּנים מיט מאַכנדיקע געשיכטע, מיטן רעפּאָרטאַזש פון די געשעענישן, מיטן טאָג־טעגלעך שווינדלדיקן פאַרשווינדנדיקן רעאַליזם, פאַרשטייט מען ערשט דעמלט די גרויסקייט און די כאַראַקטער שטאַרקייט פון די שאַפער פון דער יידישער נצחדיקייט; אינם וויכטיקן און וואָגיקן אָפּקלייב פונם אָנגעוואָרפענעם מאַטעריאַל איז אָפּהענגיק ווי דער געביי, דער שטאָק אויף שטאָק אויפגעשטעלטער בנין וועט אויסהאַלטן.

ווי האָבן זיך דאָס, אין די לעצטע 50־60 יאָר, געציקלט פלייסיקע מאַקאַבער־מטיפים אויף די באַלעמערס און די ככל־הגוים־פּובליציסטן אין זייערע אַרטיקלען, פאַרשטיין צו געבן: פאַרוואָס אין אונזער גאַנצער מסורה, ארום דעם נס־חנוכה, דערציילט זיך נאָר בלויז די מעשה פונם געפונענעם קריגעלע בוימל און פון די העלדן־טאַטן איז מיט קיין וואָרט כמעט נישט דערמאָנט.

די צוויי ביכער חשמונאים א. און ב. וואָס מיר האָבן שטיין היינט אין די יידישע ביכער־שענק, — אַ דאַנק די קירך־אַרכיוון וואָס האָבן זיי באהאלטן און אויפגעהיטן! — און די יידישע מלחמות פון מתיתהו בן יוסף, — מיט וואָס יידישע קינדער האָבן זיך געקוויקט אינם עברי־טייטש „יוספן“ און דווקא אין תשעה־באב! — זענען ביי אונז ערשט פּאָפּולער געוואָרן אויך ערשט אין די לעצטע 50 יאָר, צוזאַם מיט די פרעמד־קלינגענדיקע „מאַקאַבעער“־לידער, וועלכע זענען צו אונז אַריבערגעקומען פון יענער זייט גרענעץ.

און באמת, ווי איז דאָס צו פאַרשטיין: ביכער וואָס זענען פול מיט די גרעסטע וווּנדער־טאַטן פון יידישע העלדן, מיט סטראַטעגישע אויפטואונגען און די געשיקטע דיפּלאָמאַטישע מאַנעווורעס פון קלוגע און כיטרע מלוכה־מענער פון פאַרנעם; ביכער פול מיט אמתער היסטאָריע פון אונזער פאָלק, יידישע וויכטיקע כראָניק קאַפּיטלעך, די נישט יידישע וועלט נעמען זיי אַריין צווישן די כתבי־קודש און מיר באהאלטן זיי אַפילו נישט אין אונזערע אַנאַלן; מיר האַלטן זיי צומאָל נישט פאַר וויכטיק גענוג זיי צו דערמאָנען אין אונזערע מסורה־נאָטיצן.

אַלץ וואָס די יידישע טראַדיציע האָט אויפגענומען פון יענער עפּאָכע, פון יענעם געראַנגל אונזערן פאַר אונזער עקזיסטענץ איז דאָס שבעל־פּה מעשהלע: משנכנסו יונים בהיכל וטמאו כל השמנים״ א.אַז.וו.

שטייענדיק אַצינד פּנים אל פּנים מיטן רעפּאָרטאַזש פון געשיכטע מאַכנדיקע געשעענישן, ביים לייגן דעם יסוד פון אַ פרישׁ זיך אויפבויענדיקער עפּאָכע, פאַרשטייט מען ערשט, אַז דאָ שטעקט די אָפּקלויבערישע האַנט פון אַ גע־

ניאַל פאָלק וואָס בויט זיך אַריין אין דער אייביקייט ; וואָס וועגט געגנוי און אינטואיטיוו יעדעס פּיצעלע מאַטעריאַל אויב ס׳איז וויכטיק פאַר אַ בנין עדי עד.

2

מ׳האָט געמוזט זיין אַ יידיש קינד אין אַמאָליקן אייראָפּע—אָנגעהויבן שוין פארן מיטל אלטער אין וועסט און מיטל־אייראָפּע אונטער די געטאָ מויערן און אויסלאָזנדיק מיט אונזערע יידישעלעכע שטעט און שטעטלעך, — כדי צו האָבן איבערגעלעבט דעם נצחון יום־טוב פון „טמאים ביד טהורים. אַלע אָראַטאָריומס, טויטן־טענץ־וואקכאנאליעס, מאַסן כאָרן און מארשן פון זיגנדיקע ארמייען, זייט פעלקער עקזיסטירן, האָבן נישט אויסגעזונגען אזעלכע נצחון־געזאנגען ווי בשעת ס׳זיינען אָנגעקומען די אכט טעג חנוכה ; דער „כבתא״־שיעור ביי די חדרים־און בית־מדרש־טישן, דער הנרות־הללו־ און מעוזצור־געזאנג אין די שולן און אין יידישע שטיבער — — ווי שטראלן פון ווייטע זונען וואָלט פלוצלינג אַראָפּגעפאלן אויף אונזער פינסטערע קאלטע ערד — אַ ליכטיקע וואַרעמקייט אויפגעשיינט אין פאַרלאָשענע הערצער !

ווי די בעטלערס ביי די טירן האָבן אויסגעזען די רייכע פעלקער, — צווישן וועלכע מיר האָבן אין גלות געלעבט ! — מיט זייערע זינגנדיקע „קערלס״ ביי די טירן, טראָגנדיק אילומירטע קריפּעס מיטן יעזוס־קינד — —

נישט בחנם אפנים פאלט צוזאם זייער קריסטוס־געבורט־חגא מיט אונזער חנוכה יום־טוב ! מיט די חשמונאים ביכער, וואָס זיי האָבן באַהיטן אין זייערע ארכיוון, — מיט דעם טאָפּ אַרבעס פול העלדן־נצחונות ! — וואָלט זיך זיי שטאַרק געוואָלט אָפּקויפן ביי אונז דאָס מלכות שמים, וואָס מיר האָבן אַראָפּגעברענגט אויף דער זינדיקער ערד — — — — — — — — — —

דאָס יידישע פאָלק, די יידישע געשיכטע, די מסורה, פּאַסט נישט אויף חנוכה ווי אַ נאַציאָנאלן יום־טוב, וואָרים אין די אויגן פון אַ פאָלק וואָס וויל דערגרייכן נצחדיקייט איז אַ „מאקאבעער״־נצחון אַ „ליעס״, אַ חזקה, אויף אַ לאנד אויף נאָך אַ 100 יאָר. אַ קליין פאָלק אויף אַ שמאָלן פאס ערד אַרויסדרייענדיק זיך מיט סטראַטעגישע־טריקס און דיפּלאָמאַטישע כיטרעקייט פון אַ הערשער פאָלק ווי די יוונים, פאַרדרייט זיך און פאַרקניפּט זיך פּאָליטיש און פאַלט אין נעץ אַריין ביי אַ וועלט־פאָלק ווי די רוימער.

העלדישקייט פון גבורים און נצחון פון פּאָליטיקער גייען נישט ווייטער ! און ווי ווייט וועלן מיר דען איצט דערגיין אין פּאָליטישן פּלאָנטער פון מאַרשאַל־פּלענער און גענעראַליזמוס סאָציאַליזם, אויב מיר וועלן בויען אויף אַ ככל הגויים „גוט מאכונג״ מיטן בלוט פון 6,000,000 קדושים ; אויב זיי די קדושים וועלן נישט ווערן דער הייליקער יסוד פון אונזער נייעם אָנהויב — — צו עטישע אייביקייט, צו גייסטיקע אומשטערבלעכקייט, נישט צו פּאָליטישער חיי־שעה בלויז, צו פאַרברידערונג מיט דער חיה־רעה.

וואָרים ווי ווייט קאָן מען דאָס שוין דערגיין אין דעם טריק־ און כיטרעשפּיל פון מענטשלעכע שוואַכקייטן און רשעות — אין דעם שעפּסן־וואָלף־שפּיל ! דער שוואַכער שעפּס מוז אויפגעפרעסן ווערן (אַפילו פונם אייגענעם



ברודער־שעפּס, אויב יענער דערגרייכט די גרענעץ ווען ער קריגט דעם כוח פון אַ וואָלף...) אויב די נביאה פונם „וגר זאב עם כבש״ וועט נישט מקוים ווערן — — — אָט דער חזיון איז אונזער קיום ! אונזער המשך און אייביקייט.

חנוכה איז דער יום טוב פון אַראָפּברענגען דעם מלכות שדי אויף דער מענטשלעכער ערד — עס איז דער נצחון פונם גייסטלעך און גייסטיק ווילןשטאַרקן איבערן בלינדן פיזישן כוח. חנוכה איז דער יום טוב אין די פעלקערגעשיכטע, נישט נאָר אין די יידישע, פונם גייסטיק געטלעכן אין מענטשלעך נעבעכדיקן — דער זיג פונם ליכט איבערן פינסטערניש !

3

עס האָבן שוין די יוונים איינגענומען אַ גאנצע וועלט אַלע שוואַכע פעלקער בייגן די קעפּ פארן שטארקן, אויך די יידישע מלוכה־מענער האָבן געבויגן זייערע קעפּ, שטייט אויף אַ קליינע גרופּע, איין מענטש, מתתיהו, און וויל נישט נאָכגעבן! ער דערהרגט דעם שטארקן און אויך דעם שוואַכן מנובל, וואָס איז גרייט נאָכצוגעבן ! און דאָס גאנצע פאָלק ווערט מיטגעריסן אויף קדיש השם מיט זיין התלהבותדיקן ווילן. דאָס איז נצחדיקער נצחון, אַזאַ פאָלק קאָן מען נישט מנצח זיין, אַפילו זיינע אייגענע מנובלים קאָנען עס נישט טאָן.

אַ ייד וואָס לאָזט זיך הרגענען אויף אַ קיצו של ייד פון זיין מסורה, איז וואָס קאָנען אים דער שטאַרקסטער כוח שוין טון און די גרעסטע אַרמייען.

זיכער איז אונזער פאָלק, די מאַסע, פונקט ווי אלע פעלקער ! וואָרים דער יידישער מענטש איז אונטערגעוואָרפן אַלע שוואַכקייטן און אייגענשאַפטן און נטיות ווי יעדער בן אדם, אָבער אונזערע גייסטלעכע און גייסטיקע שאַפער האָבן משיג געווען וואָס זיי האָבן משיג געווען — — —

טויזנט יאָר האָבן זיי זיך געראנגלט מיט פאָלק, עס דערצויגן און געמוסרט אָן מורא — די תוכחה אויפן קאָפּ פונם פאָלק אויסגעגאָסן ! און וויפיל נביאים אונזערע זיינען מיטן נאטירלעכן טויט געשטאָרבן, אין געראנגל מיטן פאָלק וואָס איז נאָך גאנץ ווייט געווען פון די נביאישע וויזיעס, וועלכעס האָט געוואָלט לעבן ככל הגויים. — און איז נישט אונטערגעגאַנגען דעמאָלט יענער גוטער, אָבער גייסטיק שוואַכער, געזאַלבטער מלך, דורך וועלן מאַכן אַ „גוט־מאכונג״ מיט עמלק׳ן ?...

אין די ערשטע חשמונאים יאָרן איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אונזער נצחדיקייט, איז אויפגעבויט געוואָרן אונזער בנין עדי עד : די כתבי קודש זיינען געזאַמלט געוואָרן, דאָס וויכטיקע און וואָגיקע איז אָפּגעקליבן געוואָרן — דאָס מלכות שדי איז געגרינדעט געוואָרן.

אַז טויזנטער פאַרטיזאַנער וואָס פארטיידיקן מיט זייער לעבן דאָס עקזיסטענץ פונם פאָלק, און ווען דער שונא געפינט אויס זייער באהעלטעניש־מערה און ווייל ס׳איז שבת פארטיידיקן זיי זיך נישט, לאָזן זיי זיך פארברענען ביים לעבעדיקן לייב, אַזאַ עדה איז אומבאזיגבאר, אזא פאָלק קאָן באשיצן מיט זיין פעסטן ווילן גייסטיקע ווערטן, — איז מסוגל נסיות אויסצוהאלטן ! — אזא פאָלק וועט אַ פיזישער פרעמדער כוח נישט באהערשן — אזא פאָלק ברענגט

אַראָפּ דעם מלכות השמים אויף דער ערד — ווערט אַן עם סגולה!

אַז מען שטייט פּנים אל פּנים מיט מאכנדיקער געשיכטע, פּאַלט אַ שיין פון יענע קליינע ליכטלעך ווי דורך אַ שפּאַלט פון אַ טיר, פון אַ בנין וואָס איז איינגעבויט אין די אייביקייט ריין — שטאָק אויף שטאָק אויפגעמויערט פון אָפּגעקליבענעם קערנדיקן מאַטעריאַל. נישט בחינם האָבן מיר זיך שוין געלערנט אין פּתום ורעמסס — אין אונזער ערשטן גלות־געטאָ! — מאַכן ציגל אָן אַ פּעדימל שטרוי, אָן פּלעווע צונויצנדיק דערצו. און אויב ס׳איז נויטיק זיך איינצומויערן אַפילו אין די ווענט ביים לעבעדיקן לייב.

אויב פאַר יסוד פון אונזער אויפגייענדיקער נייער עפּאָכע האָבן 6,000,000 געמוזט אָנפילן דעם אָפּגרונד — — זיי איצט גיין פאַרקויפן פאַר 30 שקלים פּער קאָפּ! פאַר דער ירושה ווען מיר נישט נאָר טייער קבורה געלד באַצאָלן, נאָר שוין ווערט זיין קבורת־חמור — — —

ככל הגויים־מלוכה־דיפּלאָמאַטיע, מאכט־פּאָליטיק איז פּעאיק נישט נאָר זיך צו פאַרקויפן צום טייפל מיטן בלוט פונם קליינעם פינגער, נאָר אַפילו 6,000,000 געקוילעטע צו פאַרשאכערן.

* * * * *

חנוכה איז דער נצחון־יום־טוב פונם ווילן־שטאַרקן, און גייסטיקן; פון ליכטיקן איבערן פינסטערן — פונם לויטערן קריגעלע בוימאייל באַהיט מיטן חותם פונם כהן־גדול. מיט אַלע כחות צו באַשיצן, דאָס טראָפּעלע ריינקייט פונם פאָלק, דעם לויטערן עוקץ וואָס שווימט אַרויף ווי זאַלבאייל אויפן קאָפּ פונם פאָלק אייביקט עס מער ווי העלדן־לעגענדע און חיי־שעה־מאַנעווע.

## „חנוכה־געלד״ פאַר דר. מארק דווארזעצקי

ווען דו ועסט אויף הר־ציון אַ מעשה דיר אָנטון,
כ׳וויסט נישט אויב ס׳וועט נאָך אַ קדוש צוקומען;
אין וואָנסעלעך אַריין וועט אַ מיניסטער שמייכלען:
דער שוטה נעבעך האָט זיך ס׳לעבן גענומען...

און אויפן הר־הערצל ביים פרישן קבר וועט ער,
דיפּלאָמאַטיש אַ טרער נאָך דיר פאַרגיסן...
נישט זיך — יענעם היטלער־וואָנסעלע־משרתל,
גיכער וואָרענען, אויפן אָרט צו דערשיסן!

דער קריכער וועט נישט אויפשוידערן פאַר דיין לעבן,
ווי ער ציטערט נישט פאַר די קדושים העלדן — —
„מאכט אים אַן ערן־לויה אויף מלוכה קאָסטן!״...
וועט ער שמייכלען ווען דיין טויט מען וועט אים „מעלדן״ — — —

ווען עס וואָלט דער מכבי פאַר צער און פאַריאושט,
זיך געקוילעט דעמלט, אַנשטאָט דעם מנובל,
כ׳חזיר אויף מזבח וואָלט געשחטן געוואָרן,
און ס׳לאַנד צעטרעטן אונטערן שונאס שטיוול.



מ. ווילענסקי

# די ירושה פון א פאלק

דאָס פאָלק ישראל איז געגאָסן געוואָרן פון „כור הברזל״, פון דעם גרויסן לאַנד מצרים. אַהין זענען זיי אַריין אַ גאַנץ קליינע פאַמיליע, נישט מער ווי זיבעציק פאַרשוין. אין אייניקע הונדערט יאָר אַרום האָבן זיי זיך פאַרמערט און זענען געוואָרן אַ פאָלק פון זעקס־הונדערט־טויזנט. אין עגיפּטן זענען זיי געשטאַנען אונטער דער השפּעה און הערשאַפט פון אַ מעכטיקער און שטאַרק אַנטוויקלטער אַלטער קולטור. אירע מצבות און פּיראַמידן זענען שוין אַלט געווען נאָך אײדער אברהם האָט זיי אָנגעקוקט.

ס׳איז אויך צו פאַרשטיין, אַז אייניקע שפּעטערדיקע דורות האָבן פון דער אַלטער פאַמיליע איבערגענומען אַ סך עטישע פּרינציפּן, אַ סך מצוות, און זיי האָבן געהאַט זכרונות פון אַ באַפרייט לעבן. ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן געמוזט באַאיינפלוסט ווערן פון דער עגיפּטישער קולטור, אפשר נאָך מער, ווי די הײַנטיקע ייִדן אין גלות. דערפאַר איז זיך גאָרנישט צו וווּנדערן ווען מיר טרעפן די השפּעה און מנהגים פון די עגיפּטישע ייִדן אין זייער צייט, אויף די אַלטע איינריכטונגען אין ישראל. ס׳איז איינפאַך צו באַוווּנדערן די פאַרשידנקייט צווישן זיי. אויבנאויפיק געזען דאַכט זיך נאַטירלעך אַז ווען אַ פאָלק פאַרלאָזט אַ לאַנד ווו ס׳איז אַזוי געוואָרן אונטערדריקט, ווי די ייִדן אין מצרים, וואָלטן זיי שוין פון דעם דאָזיקן לאַנד נישט געוואָלט וויסן, נישט פון דעם שטייגער לעבן, און נישט פון זיינע מנהגים און סדרים די אמתע דענקער און היסטאָריקער ווייסן, אַז דאָס איז אָבער אוממעגלעך.

אַ לעבנס־שטייגער, סדרים און אַפילו אידעען, ווערן געוווינהייטן, וועלכע ס׳פאַלט שווער זיי צו באַקעמפן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס זעלבע פאָלק, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אונטערדריקער און דעספּאָטן; וואָס האָט צעבראָכן זיינע בילדער און אָפּגעשאַפט זיינע געזעצן, דאָס אַלץ איז „בעדנא דריתחא״ און ווי באַלד דער שטורעם איז פאַרביי, ווערן זיי קעלטער און מאכן באַלד אַן אַנדערן טיראַן איבער זיך.

אַ פאנאטיש פאָלק מיט אבערגלויבנס קען אָננעמען אַ ריינערע אמונה, נאָר ס׳איז דאָ די געפאַר, אַז זי וועט די ריינע אמונה באַשמוצן מיט אירע אַלטע געוווינהייטן און אבערגלויבנס. דאָס זעלבע פאָלק, וואָס איז אַנטלאָפן פון פאַרפאָלגונגען, וועט פאַרפאָלגן און אונטערדריקן אַנדערע, אויב ס׳וועט אים נאָר געלינגען. ס׳איז אַן אייגנשאַפט ביי די מענטשן פון וועלכער זיי קענען זיך נישט באַפרייען. אודאי קען אַ פאָלק בייטן געוויסע אַמאָליקע סדרים, נאָר מיר ווייסן, אַז די אַלטע מוזן אַרויסגעריסן ווערן מיטן שורש דורך אַ גרויסער און ענערגישער מאכט, אַ מין „למעלע מי הטבע כח״, כדי דאָס נייע זאָל קענען פאַרנעמען דעם פּלאַץ. אַזאַ פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון יציאת מצרים, לויט ווי ס׳איז איבערגעגעבן אין די אַלטע שריפטן. די ייִדן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער מ״ט „שערי טומאה״. דער גרויסער אונ־

טערשיד פון מצרים און ישראל איז נישט נאָר וואָס דאָס פאָלק האָט זיך באַפרייט פון קנעכטשאַפט, נאָר דער עיקר איז דער אינערלעכער שטייגער גלויבן אין דעם וויכטיקן אינהאַלט פון לעבן.

די תורה אין גלות מצרים איז געווען געוועלטיקן און פאַרקנעכטן; עס זענען געווען אדונים און עבדים.

ישראל קען נישט קיין עבדים און האַלט נאָר פון פערזענלעכער פרייהייט און גלייכקייט „כי לי בני ישראל עבדים" — „ולא עבדים לעבדים"...

די געשיכטע קומט מיט איר ווונדער און באַווייזט, אַז פון דעם שטאַרקסטן דעספּאָטיזם אַנטשטייט די פרייסטע רעפּובליק. פון שקלאַפנטום רייסט זיך אַרויס דער שטאַרקערער גייסט פון מענטשלעכע רעכט און פרייהייט. די בשורה פון פרייהייט פאַר דעם יחיד און פאַר דעם כלל, האָט אין מצרים פריידיק אָפּגעקלונגען, ווי אַ קול פונם הימל.

לאָמיר אקאַרשט אַ קוק טאָן וואָס מצרים איז אַזוינס געווען. איך וויל זיך נישט פאַרהאַלטן רייך וויסנשאַפטלעך, ריין היסטאָריש, און איך וויל זיך אויך נישט אַריינלאָזן אין מיטאָלאָגיע און ניט אין עגיפּטאָלאָגיע. איך וויל אויך נישט מעסטן דאָס אומבאַשטימטע מיט דעם מאַסשטאַב פון באַשטימטן. איך נעם אָן דאָס פּאָזיטיווע, וואָס איז קלאָר ווי דער טאָג. מיר דאַכט זיך, אַז די מאָנומענטן, וואָס מיר באַוווּנדערן נאָך היינט, נאָך טויזנטער יאָרן, דערציילן אונז, אַז זיי זענען געשאַפן געוואָרן פון אַ גרויס פאָלק. אָבער גראָד די מאָנומענטן זיינען די מאָסגעבנדע עדות ווי שטאַרק דאָס פאָלק איז געווען אונטערדריקט.

דער שמאָלער טייך נילוס, ביי וועלכן די קונסט איז געבוירן געוואָרן, אויף וועלכער די מענטשהייט איז אַזוי שטאָלץ, האָט אָפּגעשפּיגלט די נידערטרעכטיקסטע שקלאַפעריי... דער הערשער פון יענעם לאַנד איז געווען זיכער אין זיין כח, ווייל ער איז געווען אונטערשטיצט פון אַן אמונה פול מיט סודות און האָט זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ גאָט. דער המון העם האָט געאַרבעט ביז טויט, כדי אים צו בויען אַ שיינעם בכבודיקן קבר.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ געוואַלטיקן כח, גייסט און ענערגיע אַ פירער האָט באַדאַרפט באַזיצן, כדי אונטער אַזעלכע עקזיסטירנדע אומשטענדן דורכצופירן אַ באַפרייאונג. די באַפרייאונג פון אונזער פאָלק אין ליכט פון אונזער צייט, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין איז נישט די ריכטיקע מאָס פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק. מיך אינטערעסירט מער די קונסט פון אויפבוי און אָרגאַניזירונג פון די יסודות אויף וועלכע דאָס שטאַטס־וועזן אין ישראל דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן.

מ׳דאַרף ניט זיין קיין היסטאָריקער און ניט קיין ביבל־פאָרשער, פאַרן לייענער איז גענוג דער רעזולטאַט אַליין, אָן וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, צו פאַרשטיין ווי אַזוי דער גרויסער שטאַטסמאַן איז געקומען צו זיין אינהאַלט. משה׳ס כאַראַקטער איז שטאַרק, און וואָס מיר ווייסן פון זיין לעבן, דערקלערט אונז זיין ווערק, זיין ווערק איז פריש אויף זיין לעבן. דאָס בילד וואָס די תורה גיט אונז פון משה׳ן, מאַכט אויף אונז אַ גרויסן רושם...



געוווינקייט צו באַלוינען העלדישע טאַטן מיט שרייענדיקע עפּיטאָפן רופט אַרויס אַ צווייטע געוווינקייט צו זיין זיכער אויף קומענדיקע העלדישקייטן, און מען דערציילט וועגן דעם שרייענדיקע נסים ונפלאות. די אַלטע נסים און דערציילונגען ווירקן העכסטנס אויף אונזער פאַנטאַזיע, אָבער דאָס איז נישט אונזער אמונה. מיר גלויבן נישט אין משה׳ס תורה דורך די ניסים. מיר לערנען די תורה צוליב אירע געזעצן.

ניט אַ מדינה ווי מצרים, האָט משה געוואָלט גרינדן. אויך נישט קיין רעפּובליק ווי די גריכישע אין וועלכער די פרייהייט פון אירע בירגער האָט זיך געשטיצט אויף דער קנעכטשאַפט פון די שקלאַפן. משה האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ מלוכה וועלכע זאָל האָבן אַן אידעאַל, אַ מלוכה אין וועלכער אַלע זענען גלייך, אַפילו שקלאַפן זענען פריי, אַפילו בהמות קענען רוען — אַ מדינה וואָס דערלאָזט נישט, אַז דער שוואַכער זאָל אונטערדריקט ווערן, און די מענטשהייט זאָל נישט ווערן איינגעטיילט אין אדונים און עבדים, אין קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער, אין מיליאָנערן און קבצנים, אין הערשער און באַהערשטע. אַ לאַנד וואָס שבת און שמיטה שענקן אַפילו דעם נידעריקסטן רו, און אַז איינער קען נישט באַצאָלן זיין חוב, איז שוין שמיטה פאַרפאַלן, דער שניטער אין פעלד מוז איבערלאָזן זאַנגען ביי דער זייט, כדי דער אָרימאַן זאָל האָבן וואָס צענויפצוקלויבן, אַפילו דעם אָקס טאָר מען נישט פאַרשליסן דאָס מויל ביים דרעשן — מיט איין וואָרט — לעבן און לאָזן לעבן.

מיר דאַרפן דאָ נישט רעדן וועגן דעם דערהויבענעם געדאַנק פון איין גאָט...

מיר ווייסן וועגן די אָקסן און פייגל, מיר ווייסן וועגן די פאַרגעטערטע קעץ און אַנדערע מיאוסע חיות, וועלכע מצרים און אַנדערע האָבן פאַרגעטערט. מיר פאַרשטיין דעם פאַרבאָט „דו זאָלסט דיר נישט מאַכן קיין שום בילד, און קיין שניצערייען"... אין דער אמונה פון ישראל שטעקט אַ געזונטער כח, אַ כח פון נוצלעכקייט, און פּראַקטישקייט... אונזער אמונה דערקלערט, אַז אין מענטשלעכן לעבן הערשט אַ געטלעך געזעץ.

די מזרח־וועלט האָט צו יענער צייט זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן תהום אין וועלכן ס׳זענען אויך אַריינגעפאַלן די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. אודאי זענען נאָך געווען אַ געוויסע צאָל זקנים, וואָס האָבן אין זיך געטראָגן פונקען פון זכרונות, אָבער די מאַסע איז נאָר אומשטאַנד געווען צו מעסטן די באַדייטונג פון אַ אידעע, נאָר מעכאַניש, לויט דעם אויגנבליקלעכן דערפאָלג, אָדער שאָדן. העכסטנס זענען זיי געווען פשרה מאַכער, זיי האָבן נאָך כלומרשט גערעדט פון זייער שטאָם, פון זייער גאָט; זיי האָבן געשריגן צו אים — נאָכאַלעמען, וואָס קען דאָס שאַדן? זיי האָבן אָבער דאָס געטאָן אָן אַ טיפן גלויבן. געגלויבט האָבן זיי אינם גאָלדענעם קאַלב. זיי האָבן געזען די נצחונות פונם גאָלדענעם קאַלב, און דאָס האָט זיי באַפרידיקט. דער יאוש איז אין זיי געווען שטאַרקער ווי דער רעיון פון באַפרייטקייט. שקלאַפן זיינען מיר, און וועלן עס אייביק בלייבן. די געטלעכע גערעכטיקייט האָט ווידער נישט געזיגט. דאַן איז

געקומען משה און האָט דערקענט פון דעם געטלעכן „איך בין“, אַז די טעטיקע קראַפט פון דעם מענטשן אַליין איז אומשטאַנד גרויסעס צו שאַפן. דאָס איז די בעסטע מעדיצין פאַר דעם שוואַכן און קראַנקן געדאַנק פון געטלעכקייט.

די תורה גיט אונז נישט קיין הבטחות אויף עולם הבא, נאָר די אַלע זאָרגן זענען אויף דער וועלט. די תורה גיט זיך נישט אָפּ מיט קיין פוסטע מחשבות און פּלאָפּלערייען איבער פּראַגן, ביי וועלכע מ׳קען דעם קאָפּ פאַרלירן, און אַריינפאַלן אין אַבערגלויבנס, זי פאַרלאַנגט אויך נישט פון דעם מענטשן קיין התבודדות, ווי מיר געפינען ביי אַנדערע רעליגיעס. זי הייסט אונז פאַרנאַכלעסיקן דער קערפּער, אָבער אַכטונג טאָן אויף דער נשמה, אויף דעם געוויסן. זי דערמאָנט אונז נישט אין קיין מלכות שמים. פאַרקערט זי לערנט דעם מענטשן צו טאָן זיין פליכט אויף דער וועלט, כדי דו זאָלסט זיין גליקלעך טאַקע אויף דער וועלט. די הבטחות פון דער תורה מיינען פּרנסה בריוח; אריכות ימים, געזונטע קינדער און חנ׳עוודיקע טעכטער.

מיר לעבן היינט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיר פּראָגרעסירן פון טאָג צו טאָג, דער כח פון פּראָדוקציע ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, פרעגט זיך די פראַגע, ווי אַזוי איז נאָך אַלץ מעגלעך, אַז צווישן אַזויפיל עשירות זאָל זיך געפינען אַזאַ עלנד, אַזויפיל נויט; געלערנטע און אומוויסנדע, אַריסטאָקראַטן און דעמאָקראַטן, שוואַכקייט נעבן תקיפות; אונזער ציוויליזאַציע זוכט נאָך דערווייל די סבה. משה מיט זיין פילאָזאָפישן בליק פון אַ שטאַטסמאַן, האָט אויסגעאַרבעט געזעצן לויט די באַדערפענישן פונם טאָג טעגלעכן לעבן, ער האָט איינגעזען, אַז די ערד איז קיינעמס נישט, זי איז פון גאָט פאַר יעדן, און ער האָט זי גערעכט פאַרטיילט; און אויב די אומשטענדן ברענגען איינעם צו פאַרקויפן זיין ערד, קומט יובל און זי קערט זיך אום צוריק צו אים. וועגן שבת, ווי אַ טאָג פון רו איז דאָך שוין אָפּגערעדט, די היינטיקע אַרבעטער מעגן אויך זיין צופרידן מיטן שבת. זעקס טאָג אין דער וואָך איז אויך גענוג צו אַרבעטן.

משה האָט געשאַפן גערעכטע געזעצן און ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. ביז דעם היינטיקן טאָג ווייסט קיין מענטש נישט ווו זיין קבר געפינט זיך. בעת די באַליבטע פון די עגיפּטישע פּערה׳ס ברענגען שאַנד דעם נאַרישן זין, וועלכער האָט זיי אויפגעבויט, בלייבט דער נאָמען פון דעם געזעצגעבער אַן אייביקער ליכטיקער שטערן פאַר ישראל און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

(עס וועלן קומען ווייטערע קאַפּיטלען)

## רעדאַקציע נאָטיץ

דער באַריכט איבער די פּרץ־פייערונגען, איבער די פּרץ־לעקציעס, קאָנצערטן און באַנקעטן אין די לעצטע 7 וואָכן — קומענדיקן חודש! אויך די פּריש צוגעשיקטע אַרטיקלען איבער פּרץ׳ן — קומענדיקן חודש. דער עסיי פון מאַטעס דייטש איבער מלך ראַוויטש, און די אַרבעטן פון אפרים טויבענהויז און ס. פּאַלמע, אויך די „יידישע קולטור ידיעות“ און די „לאָנדאָנער קולטור ידיעות“ פליי טעאַטער — אין קומענדיקן נומער.



יוסף פּערלשטיין (ירושלים)

# ברוך השם...

(ארץ־ישראל־מאָטיוו)

אויף אַ הויכן באַרג פון ציון,
אויף „הר־ציון“, אויף „הר־ציון“,
שטייט אַ יידעלע פון תימן,
שוואַרץ, ווי ר׳וואָלט אַרויס פון קוימען,
מיט צוויי פּאהלעך וואָס בריען,
מיט צוויי אויגעלעך וואָס גליען,
און ער שטייט זיך מלא חן
און רעדט און רעדט צו זיך אַליין:
הכל שלי, ברוך השם . . .
הכל, הכל — ברוך השם! . . .

אָט דער באַרג ווו איך שטיי,
און דער טאָל וואָס גרינט אַזוי,
און דער כותל וואָס איך זע . . .
און די שאָף וואָס רופט דאָרט „מע“ . . .
און דער תכילת אויף מיין קאָפּ
וואָס אין טלית הענגט אַראָפּ . . .
נו און איך? נו און איך? —
איז קיין שאלה אַז כ׳בין איך! . . .

כי אבינו אברהם,
שהיה צדיק, חכם,
הוא לא היה אשכנזי,
ולא יידיש־לועזי
ואף לא ספרדי
אלא סברא, יהודי! . . .
אך . . . כלנו יהודים,
יקרים ונחמדים,
איז טאַקע ברוך הדושם,
ברוך, ברוך הוא השם! — — — — — — — — —

א. מ. קייזער

# נישטא קיין מתים אין ישראל

(אַ לעבעדיקער שמועס וועגן אַ טויטן ענין)

איר געדענקט שלום־עליכמס פּרעכטיקע שילדערונג פון זיין באַזוך ראש חודש אלול אין כתרילעווקע אויף קבר־אבות, ווען רב אריה, דער אלטער קברות־מאַן, באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז ס׳איז נישט גוט, ס׳זענען נישטאָ קיין מתים. אָט דאָס זעלבע געשעט איצט אין ישראל. נישטאָ קיין מתים. נישטאָ.

וואָס הייסט נישטאָ קיין מתים? מען האָט אויפגעהערט שטאַרבן אין ישראל? ניין! שטאַרבן שטאַרבט מען דאָרט טאַקע פּונקט ווי אין די גלות־לענדער, נאָר קיין מתים זיינען נישטאָ. איך מיין, מתים פאַרן העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים.

צו וואָס דאַרף דער העברעאישער אוניווערזיטעט מתים? ניין, נישט דער אוניווערזיטעט גופא, נאָר דער מעדיצינישער פאַקולטעט דאָרט נויטיקט זיך אין מתים פאַר אנאטאמישע צוועקן. אַז מען דאַרף שאַפן אייגענע דאָקטוירים, איז ווי אַזוי קאָן מען לערנען אַנאַטאָמיע אָן אַ קערפּער, וואָס מען דאַרף צעשניידן און צעטרייבערן? איז אָבער פאַראַן ביי אונז אַ דין, וואָס פאַרבאָט צעשניידן דעם גוף פון אַ מת, און די רבנים אונזערע זאָרגן שוין דערפאַר, אַז דער־אָ דין זאָל ווי געהעריק אָפּגעהיט ווערן. נאָר אַפילו אָן אַ דין און אָן אַ רב לאָזט אַ ייד זיך אויך ניט שניידן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר. אַ ייד וויל קומען צו קבר־ישראל אַ גאַנצער און נישט קיין צעברעקלטער, קיין צעקאַרבטער, ווייל צו תחית־המתים וויל אַ ייד אויפשטיין מיט גאַנצע אברים, זיך לאָזן אין וועג אַריין מיט ביידע רגלים און נישט מיט אַ פוס אונטערן אָרעם...

הענגט איצט דערפאַר איבערן קאָפּ פון ישראל אַ נייער פּראָבלעם, וואָס באַמבלט זיך אויף איין קייט צוזאַמען מיט די פּראָבלעמען פון עליה, קליטה, וווינונגען, באַשפייזונג, פינאַנץ — אַ מתים־פּראָבלעם.

איז וועגן דעם טויטן ענין אַוועק אַ סדרה לעבעדיקע אהובי־ידידי בריוולעך צווישן דער רעגירונג און דעם הויפּט־ראַבינאַט, ווען מען האָט געבעטן צו געפינען עפּעס אַן היתר, אַן אויפטו, וואָס זאָל ראַטעווען דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון דער־אָ שווערער לאַגע. נאָר פונם טויטנפּונקט האָט מען זיך נישט גערירט. די רבנים ווילן דעם מת נישט אַרויסלאָזן פון זייערע הענט. הכלל, איז נישט געבליבן קיין אַנדערן אויסוועג ווי צו ברענגען מתים פון אויסלאַנד, פאַרשטייט זיך, כשרע מתים, ס׳הייסט, נישט קיין יידישע. אַזוי אַרום, איז אויפן ישראל־מאַרק צוגעקומען אַ נייער אימפּאָרט־אַרטיקל — מתים.

איי, פונוואַנען האָט אויסלאַנד מתים? וואָס, זיי וואַלגערן זיך אין די גאַסן? דאַכט זיך, אַז אויך אין אויסלאַנד זענען פאַראַן מעדיצינישע פאַקולטעטן, און אַז ס׳מאַכט זיך אַ שטיקל מת, איז דאַרפן זיי אים אַליין האָבן אויף צוטרייבערן. נאָר, אַז מען זאָגט אויסלאַנד, מיינט מען קאָלאַמבוסעס מדינה פון אונמעגלעכע מעגלעכקייטן — אַמעריקע! וואָס האָט אַ טבע אַלץ צו מאַכן אויף אַ ברייטן



אופן, מעשה־גביר. אַפילו שטאַרבן שטאַרבט מען דאָרט בלשון רבים, און מתים האָט זי אַזויפיל, אַז — אויף אַלע שונאי־ציון געזאָגט געוואָרן. ווי דערציילט שלום עליכמס העלד בערל אייזיק: „אין אַמעריקע, אַז מען טוט אַ שטאַרב, איז טויזנט אין איין טאָג, צען טויזנט, און צוואַנציק טויזנט, און דרייסיק טויזנט! גאַנצע גאַסן פאַלן דאָרט איין! שטעט ווערן איינגעזונקען ווי קורח!... איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע?"

אָבער אַמעריקע איז אַ לאַנד פון ביזנעס. אומזיסט וועט זי קיין מתים נישט געבן, סיידן דורכן מאַרשאַל־פּלאַן. זי וויל באַצאָלט און טאַקע במזומנים. וואָלט ישראל געהאַט גענוג אויסלענדישע וואַלוטע, איז גיט זיך אַ מיניסטער אַ כאַפּ אַרויס און ברענגט אַ טראַנספּאָרט כשרע מתים, ווי מען ברענגט אַ טראַנספּאָרט טריפה פליש. אָבער אָן יענע ממתקים, וואָס מען רופט אין ישראל „מטבע חוץ", איז טאַקע ביטער. אָט לייענען מיר אין די צייטונגען, אַז ביים חיפהער פּאָרט שטייען שיפן מיט שפּייזוואַרג, וואָס מען האָט געשיקט אויף „נאַכנאַמע", און זיי ווערן נישט אויסגעלאָדן, ווייל ס׳איז נישטאָ די וואַלוטע צו באַצאָלן פאַר די סחורה.

דאָס זעלביקע קאָן דאָך געשען מיט אַ שיף מיט מתים. און ווי לאַנג, מיינט איר, קאָנען מתים אַזוי ליגן אין געהאקטע ווונדן און נישט אַרויס פון די כלים? אין אַ שיינעם פרימאָרגן, נעמען די מתים און צובונטעווען זיך, און בן־גוריון באַקומט פון זיי אַזאַ מין נאָטע: „אויב אין משך פון 48 שעה וועט איר אונז נישט אויסצאָלן די געלט אין דער צוגעזאָגטער וואַלוטע, איז אויס טראַנספּאָרט; אַ טייל פון אונז וועט אַוועק צו דער חירות פּאַרטיי, אַ טייל צו מפ"ם, אַ טייל צו די קאָמוניסטן, און אַ טייל וועלן סתם זיך נעמען דאָס לעבן. איר וועט האָבן אַ פייג, נישט קיין מתים!" אַזאַ רעוואָלוציע קאָנען די מתים אָנמאַכן.

וואָס, איר גלייבט זיך נישט? אָט נעמט מצרים מיט איר „כולנו מתים אַרמיי", וואָס האָט געכאַפּט אַזאַ מיאוסן אָפּשניט פון אונזער ישראל־אַרמיי, איז אָט דער לויזיקער און פאַרכעוואַטער מת פלוצים אַרויסגעקראָכן פון מתים־שטיבל און זיך גענומען ראַנגלען מיטן ענגלישן גלית. שאַט! נעמט דעם פּערסישן פּרעמיער, דעם דר. מוסאַדעק, וואָס איז אַלע מינוט געפאַלן חלשות און געבליבן אָן אָטעם; האָט דער־אָ מת אויסגעצויגן אַ פוס פון קבר און געגעבן דעם בריטישן לייב אַזאַ בריק אין אותו־מקום, אַז ער איז פאַרפלויגן צו דער מאַמע „יונאָ" און זיך צעוויינט אין איר שויס.

אַז מתים צובונטעווען זיך, איז — השם ישמרנו!

נאָר ווער עס מיינט, אַז ס׳איז כלו כל הקיצין, אַז דער הימל איז שוין אויפן קאָפּ אַראָפּגעפאַלן — דער האָט אַ טעות. לא אלמן ישראל! דער יידישער מח איז נאָך, ברוך־השם, נישט אויסגעטריקנט. אָט האָט אַ ייד פון גאַס, אַ פּשוטער „עמך", פּרובירט לעזן דאָס דאָזיקע האַרבע מתים־פּראָבלעם אויף אַן אָריגינעלן אופן. די מעשה פון דער געשיכטע איז אַזאַ:

אין אַ מיטן מיטוואָך האָט זיך אין ביוראָ פונם אוניווערזיטעט געיאַוועט אַ

ייִדל אַ קליינס, אַ דאַרס, אַן אָפּגעצערטס, און זיך געפרעגט אויפן אדון הגדול, אויפן רעקטאָר, הייסט עס.

— צו וואָס — האָט מען אים געפרעגט — דאַרפט איר דעם רעקטאָר?

— מכח אַ מת!

אַז מען האָט דערהערט „אַ מת", האָט מען גיך געכאַפּט און דעם ייִדן בכבוד גדול אַריינגעפירט צום רעקטאָר אין קאַבינעט אַריין, און צווישן זיי איז אַוועק אַזאַ געשפרעך:

דער ייִד: איך הייס צדוק, הייס איך. כ'האָב געהערט, אַז איר זוכט מתים, און זענט גרייט אַפילו זיי צו ברענגען פון חוץ־לארץ. איז וויל איך אייך פרעגן למאי דאַרפט איר אויסברענגען אויסלענדישע וואַלוטע אויף מתים, בעת איר קאָנט זיי באַקומען דאָ ביי אונז אין לאַנד. פאַר דעם געלט קאָנט איר בעסער קויפן אַ שטיקל פלייש פאַר די לעבעדיקע.

דער רעקטאָר (דערשטוינט): וואָס הייסט איר זאָגט, אַז מען קאָן דאָ באַקומען מתים? מיר האָבן שוין קיין כח נישט זיי צו זוכן, און מיר האָבן זיך שוין מייאש געווען צו געפינען כאָטש אַ כזית פון אַ מת.

דער ייִד: וואָס וועט איר מיר געבן, אַז איך באַזאָרג אייך נאָך היינט מיט אַ מת?

דער רעקטאָר (איבערראַשט): איר האָט אַ מת? איז וואָס־זשע שווייגט איר?

דער ייִד: אודאי האָב איך, נאָר איך וויל פריערט וויסן במה מדליקין. וואָס צאָלט איר פאַר אַ מת?

דער רעקטאָר: מיר צאָלן לויט די גרויס פונם מת.

דער ייִד: וויפיל אַ שטייגער וועט איר געבן פאַר אַ מת, אַזוי גרויס, לאָמיר זאָגן, ווי איך, למשל?

דער רעקטאָר: (באַטראַכט דעם ייִדן): פאַר אַזאַ מת ווי איר די גרויס, וואָלטן מיר געגעבן, כ'ווייס? לאָמיר זאָגן אַ (טראַכט) אַ פינף און צוואַנציקער!

דער ייִד: דאָס אינגאַנצן? אויך מיר געלט. כ'שווער אייך, אַז ס'קאָסט מיך אַליין טייערער. היינט, ווו איז פרנסה?

דער רעקטאָר: גלויבט מיר, אַז דאָס איז פאַר אונז אויך שווער צו צאָלן. ס'איז אַ גרויס אָנשטרענגונג.

דער ייִד: איך פאַרשטיי אייך נישט; אויב איר האָט נישט קיין געלט, איז צו וואָס־זשע דאַרפט איר אייך דערלויבן דעם פאַרגעניגן פון אַ מת?

דער רעקטאָר: ווער זאָגט, אַז ס'איז אַ פאַרגעניגען? ס'איז אַ מ ו ז! מיר מוזן עס טון, ווייל אויב מיר האָבן נישט קיין מתים, האָבן מיר נישט קיין דאָק־טוירים.

דער ייִד: און איך האָב תמיד געמיינט, אַז ס'איז פאַרקערט; אַז מיר האָבן דאָקטוירים, האָבן מיר ערשט מתים.

דער רעקטאָר: הכלל, ווילט איר נעמען אַ פינף און צוואַנציקער, איז גוט. אלא נישט, וועט קהל זיך ווייטער באַגיין אָן אַן אתרוג.



דער ייִד: מילא, איך זע דאָך, אַז איר זענט נישט קיין גרעסערער גביר פון מיר, איז — זאָל זיין מיט מזל!

דער רעקטאָר: מזל און ברכה! און איצט, זייט מוחל, גייט ברענגט דעם מת.

דער ייִד (מיט אַ שמייכל): איך דאַרף אים נישט ברענגען. ער שטייט דאָ פאַר אייך. דאָס איז אני הקטן רב צדוק.

דער רעקטאָר: איר זענט משוגע צי חסר־דעה?

דער ייִד: לאָזט אייך דינען, הער פּראָפעסאָר, איך בין שוין גאָרנישט משוגע. ס'שטייט ביי אונז געשריבן „עני חשוב כמת", אַז אַן אָרימאַן איז פונקט ווי אַ מת. קאָן איך אייך מבטיח זיין, אַז קיין גרעסערן מת פון מיר וועט איר נישט געפינען. איר האָט פאַר אייך אַן ערשט־קלאַסיק שטיקל סחורה. איר וועט פון מיר זיין צופרידן. און אויב אַפילו, איר דענקט, אַז לעת־עתה טויג איך נאָך נישט פאַר קיין מת, איז גיט מיר דערווייל אַ שטיקל שטעלע. איך וועל טון אַלץ וואָס איר וועט בעטן. איר וועט זען, אַז מיט דער צייט וועל איך נאָך ביי אייך ווערן אַ ריכטיקער מת.

דער רעקטאָר: ר' ייִד, איר מאַכט אַ טעות, אַ ביטערן טעות. מיר דאַרפן נישט קיין מת אויף גיין שליחותן אָדער דערלאַנגען גלעזלעך טיי. מיר דאַרפן אים אויף שניידן און טרייבערן.

דער ייִד (מיט ביטערניש): שניידן און טרייבערן, זאָגט איר? מיך וועט איר דערמיט נישט אָפּשרעקן. איך בין דאָך עפּעס פון די שארית־הפליטה. מיך האָט מען שוין געשניטן און געטרייבערט ביי די פּאָליאַקן, ביי די היטלערן. איצט, שניידט מיך דאָ מיין ווייב, אוי, שניידט זי! און, אַז איך גיב אַ קוק אויף די קינדער מיינע, שניידט מיר גענוג דאָס האַרץ. מילא, איר ווילט שניידן, שניידט! אַבי ס'זאָל זיין דערפון פרנסה.

דער רעקטאָר: קומט, וועל איך אייך ווייזן צו וואָס מיר דאַרפן אַ מת. (ער פירט דעם ייִדן אַריין אין אַנאַטאָמישן טעאַטער, ווו די סטודענטן שטיין פאַר־בלוטיקטע איבער אַ צעשניטענעם קערפּער).

דער ייִד (אַ דערשראָקענער): גוואַלד! שמע ישראל! דאָס איז דאָך אַ יאַטקע! בהמות דאַרפט איר דאָ, נישט קיין מענטשן! אַזאַ בהמה בין איך נאָך נישט!

און ער איז אַנטלאָפן.

* * *

איר גלויבט אין נביאות? איז הערט וואָס מיין לאַנדסמאַן ירוחם דער פּי־לאָזאָף זאָגט:

— והיה באחרית הימים, וועלן די ישראלדיקע קאָכלעפל, וואָס זענען איצט מעוברת מיט פאַרשיידענע מתים־פּלענער, גיין צו קינד, און — מזל־טוב! ס'וועט געבוירן ווערן אַ נייער פּלאַן; אַ פּלאַן צו שאַפן אַ נייעם פאָנד, אַ „קרן המת", מיט נייע שליחים פאַר אַ נייעם קאַמפּיין מיט דער נייער לאָזונג:

„שענקט אַ מת פאַרן לעבעדיקן ישראל!" יידן וועלן ווי תמיד געבן געלט און מען וועט איינהאַנדלען מתים. דערנאָך וועלן די פאַרשיידענע פאַרטייען זיך רייסן איבער דער חלוקה פון די מתים. וועט בן־גוריון נעמען און שאַפן אַ נייעם מיניסטעריום — אַ מיניסטעריום פאַר מתים. די אָפּאָזיציע וועט טענהן, אַז אַזאַ מיניסטעריום איז איבעריק, ווייל ס׳זענען שוין פאַראַן ענלעכע מיניס־טעריומס; אַזוינע, וואָס קאָנען צוגערעכנט ווערן צו דער מתים־קאַטעגאָריע... אָבער בן־גוריון מיט די פינף אַראַבער זיינע וועלן אַרויסנעמען די פייפלעך און פייפן אויף דער אָפּאָזיציע, און אונז מזכה זיין מיט אַ מתים־מיניסטער. מתמא וועט ער זיין פונם רעליגיעזן בלאָק, אַ דאָקטאָר אַ שלימזל, אַ מחוסר־פּרנסה, וואָס וועט בייטן זיין נאָמען אויף דר. מת־מצוה. הכלל, היו נכונים! יידן, זייט גרייט פאַרן נייעם קאַמפּיין!

כה אמר ירוחם. אַזוי זאָגט ער נביאות. דערווייל אָבער, ביז דאָס נביאות וועט מקוים ווערן, איז לא טוב. ס׳איז נישטאָ קיין מת אויף אַ רפואה. נישטאָ! און ווי לאַנג, מיינט איר, קאָן מען לעבן אָן מתים?

---

## אברהם לעוו

### דערשלאָג זיך מיין האַרץ צום באַשייד

ווער קייכט אין דער נאַכט דאָ,
ווער קייכט? — — —
מיין וואָרט,
אויף פּאַפּיר זיך צו לייכט!
ווייל ס׳איז אַזוי טונקל אַרום,
אַז ס׳ווילט זיך די אויגן פאַרשליסן;
דאָס האַרץ איז פאַרטייעט און שטום
און צעריסן.

ווער קייכט אין דער נאַכט דאָ, ווער קייכט? . . .
אַ הינטער די ווייסע גאַרדינען
אַ רונדע לבנה איצט לייכט,
מיט ליכטיקע שטראַלן וואָס רינען
אַריין דורכן שויב, דורכן גלאָז,
און שפּרייטן זיך אויס אויף פּאָדלאָגע.
אַ גריל ערגעץ זעגט אין די גראָז,
אַ גריל אַליאַרמירט איצט: טרעוואָגע!



ווער קייכט אין דער נאַכט דאָ, ווער קייכט?
זיין אָטעם איז הייס, אַ צעגליטער.
די ערד ליגט איצט טויאיק און פייכט
מיט סעדער, מיט גרינע צעבליטע.
נאָר איך הער זיך איין צו דער נאַכט,
איר אָטעם פון טויזנטער מיילער
האָט עמיץ צום שוועל מיינס געבראַכט
און אַוועק, און אַוועק אויף צוריק אין געאיילן.

ווער קייכט אין דער נאַכט דאָ, ווער קייכט?
אַ הונט? אַ שאַקאַל? אַ וואַראַנע?
פון הויכן אַ בלאַסע עס לייכט
אַ זילבערנער כוס — די לבנה.
ווער האָט איר פאַרפולט היינט ביז פול?
ווער האָט איר פאַרונדיקט די ראַנדן?
אַזוי ווי די שייבלער פון שול.
אין אונזערע היימישע קאַנטן . . .

ווער קייכט אין דער נאַכט דאָ, ווער קייכט.
ווי ס׳וואָלט זיך אַ סטרונע פאַרגאַנגען?
עס שלוכצעט דאָ עמיץ און פרייכט,
דערשטיקט ווערט אין וויסטע פאַרלאַנגען.
און אפשר בין איך עס אַליין,
וואָס אויפן פּאַפּיר מיין האַנט פלאַטערט;
און ציטערט פון אייגן געוויין
און בלייבט איבער העפט איינגעמאַטערט?

דערשלאָג זיך מיין האַרץ צום באַשייד,
דו מוזט דורך דער נאַכט זיך דערשלאָגן!...
דער הימל, מיט שטערן פאַרזייט, —
נעמט בלייכן, נעמט גרויען און טאָגן.
עס ליגט אַזאַ רו איצט פאַרשפּרייט
אויף פעלדער פאַרזייטע, אויף פליינען,
נאָר איך, צום פּאַפּיר, ווי צום בייט
בין געפּענטעט און ס׳גלוסט זיך מיר וויינען . . .

גבאת השלשה, אָקטאָבער 1951.

משה עובד

# סיר סטעפאַרד קריפּס

אין ענגלאַנד האָט געלעבט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק אַ יידישע דיכטערין מיטן נאָמען נינא סאַלאַמאַן, אַ נאָנטע פריינדין פון ישראל זאנגוויל. זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ טאָכטער, אַ זינגערין, אַ שיינקייט מיט אַ וואַרעמער פּערזענלעכקייט, אַן אמתע יקר־המציאות אַפילו אין ענגלאַנד. און אַזוי ווי דער שרייבער פון די געשיכטע איז אַ מזלדיקער מענטש, איז זי געוואָרן מיט אים באַפריינדעט, נישט אַזוי ווייט דורך ווערטער, ווי דורך וואַרעמע בליקן און שטילע זיפצן. אסתר פלעגט טייל מאָל אָפּשטעלן אַ וויזיט דעם היכל פון אונזער פריינדשאַפט און מיך טובלן אין דעם זיוו השכינה פון אירע אויגן וואָס זי האָט געירשנט פון איר מוטער. אויך אסתרס פאָטער, דר. רעטקליף סאַלאַמאַן, איז איינער פון די אָנגעזעענסטע, בכבודיקסטע יידן אין לאַנד, דערצו איז ער דער גרעסטער עקספּערט פון קולטיווירן קאַרטאָפל. אויף זיינע בייטן נעבן קעמברידזש וואַקסן קאַרטאָפל צו 40 פּוד אַ שטיק, קיין פאַרשטענדלעכע קאַרטאָפל וואָלט געגלויבט דערינען, עס איז אָבער אַ גוט באַוווּסטער פאַקט. און אַלע ערלעכע וואָגשאַלן קענען דערויף עדות זאָגן.

איינמאָל, אומגעפער אַ יאָר פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, זינגט מיר אסתר אַ נייעס אין האַרץ אַריין, אַז אין אַ געוויסן אָוונט וועט זי מיר אַריינברענגען אין געוועלב עטלעכע פון אירע נאָענטסטע פריינט און איינע פון זיי וועט זיין לידי סטעפאַרד קריפּס.

דערוואַרטנדיק זיי האָב איך זיך מיכן געוועזן און פאַרבאַרייטעט פאַר זיי אַ שטיקעלע באַנקעט, אָבער נישט חלילה פון פּרעסערייען און זויפערייען נאָר פון אבנים־טובות ומרגליות.

איך האָב אין קליינטשיקע אַנטיק זילבערנע טעצעלעך און אין קריסטאַלענע טעלערלעך אַריינגעשאָטן דימאַנטעלעך, רובינענלעך, און פּערעלעך, די ברעגן זענען אזש איבערלאָפן און פאַרפלייצט דעם ציילטיש און מיט קליינע אַנטיק ליאַלקע־לעפעלעך האָבן זיי אַלע זיך געמאַכט עסן און טרינקען ווי אברהם אבינו׳ס מלאכים און זיך אונטערגעלענט די דערוואַקסענע הערצער. און אַזוי ווי איך האָב זיי אַלע אויסגעפּוצט אין געטלעכן געהאַמערטן צירונג פון אהביאַל׳ן האָבן זיי זיך געפילט ווי מאַמע חוה איידער די בראשית לעגענדע האָט זי אַרויסגעטריבן פון גן־עדן, איר אמתע נאַטירלעכע היים. ליידער האָט מיר די שמחה געשטערט אַ זעאונג פון דער קומענדיקער מלחמה, אַ שטורמדיקער וויזיע וואָס האָט אויסגעלאָשן די ליכט פון אַלע בריליאַנטן און אין אַ שוואַרצן שאָטן איינגעהילט אַלע פּערעלעך און ווי אַ שעפּסעלע ציטערט פאַר אַ בליטיקן שעכטהויז אַזוי האָב איך געציטערט פאַרן געשטאַלט פון רובינען. עס גייט נאָך אַ לויה פון עטלעכע טעג, באַקום איך אַן איינלאַדונג פון לידי קריפּס צו קומען צו זייער הויז אין די קאַונטרי צו גאַסט, אויף אַ צוויי־דריי טעג.



געוויינלעך בין איך זיך נוהג ניט צו אַקצעפּטירן איינלאַדונגען צו רייכע באַרימטע הייזער, „ווייל איך פיל זיך קיינמאָל נישט אין זיי אין דער היים". נאָר די איינלאַדונג האָב איך מאָמענטאַל אַקצעפּטירט מיט פאַרגעניגן, געהאַט דערין אַ פּאָליטישע כוונה, ווייל צו יענער צייט איז סיר סטעפאַרד קריפּס געווען דער גרעסטער פּאַסיפיסט און אָנגעפירט מיט אַ באַוועגונג אַז ענגלאַנד זאָל זיך „דיסאַרמען", ד.ה. אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע כלי זיין און ווי אַ גוטער קריסט בלייבן מיט אַ ליידיקע באַק פאַרן שונא צו פּאַטשן. און דער מיליטעריסט איך! זייענדיק איבערצייגט אַז דער פּאַשיזם און נאַציזם וואָלטן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פאַרשקלאַפן ענגלאַנד און ממילא די וועלט, האָב איך געפילט אַז עס איז מיין פליכט, — הגם איך בין אַן ערשט־קלאַסיקער איגנאָראַמוס אין פּאָליטישע ענינים — צו ריידן מיט סיר סטעפאַרד און אים וואָרנען קעגן די געפאַרן פון זיין פּאַסיפישטישער טעטיקייט.

איך האָב סיר סטעפאַרדן פּערזענלעך נאָך קיין מאָל נישט געהאַט געזען אָבער גוט געוווּסט אַז ער איז אַ מענטש מיט אידעאַלע פּרינציפּן און אים אייביק הויך רעספּעקטירט. ווען איך בין נאָר אין זיין הויז אַריין האָבן מיך געפאַנגען צוויי ליכטיקייטן, ערשטנס סיר סטעפאַרדס פריינדשאַפט צו מיר און צווייטנס דער גאָלדענער גלאַנץ פון די מעשענע אַלטע חנוכה־מנורות וואָס האָבן געהאַנגען אויף די ווענט. הלואי זעט מען עס אויף יידישע ווענט. (מיך האָט דעמאָלט נישט געחלומט אַז עס וועלן באַלד קומען פינסטערע טעג און איך וועל ווערן דער שאַפער פון יזכור־מנורות נאָך די זעקס מיליאָן קדושים).

סיר סטעפאַרד האָט מיך אַרומגעפירט איבערן דאָרף, מיר געוויזן די הייזער וואָס ער האָט געלאָזט מויערן פאַר די אַרבייטער און פּויערים. איך האָב באַמערקט אַז זיי האָבן פאַר אים גרויס רעספּעקט און ליבשאַפט. דערנאָך האָט ער די וועגעטאַריאַנער מאָלצייט געהאָלפן פאַרבאַרייטן און נאָך די מאָלצייט האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין זיין „סאַלע". כ׳האָב גערעדט, זיך צעשוויצט וועגן דעם געפאַר פון „דיסאַרמאַמענט" און ער האָט פלייסיק געשטריקט אַ מלבוש, אַ פאַנצטער קעגן ווינטער קעלטן. איך רייד און צוהיץ זיך אַזש, אָבער כאָפּיל אַז מיינע רייד האָבן נישט קיין ווירקונג אויף אים, אויף אַלע מיינע לאָגישע אַרגומענטן ענטפערט ער מיט גלויביקע רייד: „מיר קריסטן טאָרן נישט זיין באַוואָפנט, בעסער אונטערגיין איידער הרגענען מענטשן".

זעענדיק אַז ער איז איינגעעקשנט אין זיין שטעלונג האָב איך די דיסקוסיע איבערגעהאַקט און פאַרבראַכט אין פריינדלעכע האַרמאָנישע געשפּרעכן.

אין אָוונט האָט ער גענומען זיין פאַמיליע און מיך צו אַ מוזיקאַלישן קאָנצערט אין אַ קאַטעדראַלע און אַזוי איז אַוועק דער ערשטער טאָג אַן גרויסע דערפאָלגן פון מיין זייט.

זיי האָבן מיר געגעבן דעם פיינסטן שלאָף־צימער און סיר סטעפאַרד אַליין איז געשלאָפן אין אַ שטאַל. — אין דעם זעלבן שטאַל, האָט מיר לידי קריפּס דערציילט האָט הערבערט מאָריסאָן מגייר געווען סיר סטעפאַרדן וואָס איז געווען מבטן ומלידה אַ קאָנסערוואַטיוו, צום סאָציאַליזם, אין פאַרלויף פון 6 שעה.



## סיר סטעפאַרד קריפּס

מיין גרויסער דורכפאַל האָט זיך ערשט אָפּגעשפּילט צומאָרגנס, ווייל צומאָרגנס איז געקומען צו גאַסט צו זיי דזשאָרדזש לאַנסבורי, ער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פירער פון דער אַרבייטער פּאַרטיי, אַ באַרימטער לייזדנשאַפטלעכער סאָציאַליסטישער רעדנער און אַ גרויסער רעליגיעזער פּאַציפיסט. ווען איך האָב געזען אַז לאַנסבורי איז אויך דאָ האָב איך געוואָלט ביידע מיט איינמאָל איבערצייגן נישט נאָר אין געפאַר פון דיסאַרמאַמענט נאָר אויך אין דער גייסטיקער קנעכטשאַפט וואָס דער סאָציאַליזם קען ברענגען אויף דער וועלט. אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און זיי האָבן מיך איבערצייגט אַז אַרגומענטאַטיוו זיינען זיי צוויי גוליותן קעגן מיר וואָס בין אַפילו נישט קיין קליין דודל...



האָב איך אַרויסגענומען אַ שיין רעפּיודזשי סאָציאַליסטיש מיידל אויף אַ שפּאַציר און מיט אַן אַריסטאָקראַטישן שטיין, אַ גרויסן בריליאַנט אין מיין טאַש זי יאָ איבערצייגט אַז אין דער טאַטור און אין איז לעבן איז ניט פאַראַן ניט קיין מאַטעריעלער און נישט קיין גייסטיקער דעמאָקראַטיזם, אַז דער אַנאַרכיסטישער קאַפּיטאַליזם און דער פאַרשקלאַפנדער סאָציאַליזם — ביידע טויגן אויף 99 כפּרות. דאָס מיר מוזן געפינען אַ בעסערן אויסוועג. אָבער אַלע מיינע אַרגומענטן האָבן אויף סיר סטעפאָרדן קיין איינדרוק נישט געמאַכט. ביז עס איז געקומען די מלחמה נישט היינט געדאַכט! לענדסבורי איז לײַדער געשטאָרבן אין אָנפאַנג דער קריג, און סיר סטעפאָרד איז געוואָרן אַ פּראָמינענטער קאַבינעט מיניסטער און אָנגעפירט מיטן זיג פון ענגלאַנד נאָך בעסער ווי איך מיליטעריסט! זין פון אַ שוחט און מוהל וואָלט עס געקענט טאָן.

* * *

טאַקי אָט די טעג האָט זיך סיר סטעפאָרד קריפּס טאָכטער, אַ מאַלערין אין די צוואַנציקער מיך געבעטן איך זאָל זי ווייטער נעמען אין יידישן טעאַטער ווייל מיט אַ דריי יאָר צוריק האָב איך זי גענומען זען זיגמונד טורקאָוון שפּילן אין דוד פּינסקיס „אוצר״, האָט עס אויף איר געמאַכט אַזאַ טיפן רושם אַז זי קען עס נישט פאַרגעסן. דאָס צייגט נאָר וויפיל קולטור עס איז פאַראַן אין יידישער יצירה און ווי אונקולטורעל זיינען די וואָס לאַכן פון יידיש־לשון און איגנאָרירן דאָס יידישע טעאַטער.

---

ש. טענענבוים

## אויפן דאַנטע־סקווער

אַ דריי־עקערדיקער פּלאַץ. אינמיטן חודש אויגוסט. די היץ ברענט. די זון פאַרשווענדט מאַסיווע שטיקער גאָלד. קריפּלען, צווערגן און וואַגאַבונדן דרייען זיך קרוע־בלוע אַרום אויפן פּלאַץ. טויבן פּיקן פון די הענט פון בעטלער. איינזאַמע ברואים, אָן ווייב און קינדער, דריקן אויס זייערע פאָטער־געפילן צו די טויבן. די בוימער זענען געל. פּלוצלינג זע איך ווי דער בראָנדזענער דאַנטע־מאָנומענט שמעלצט. עס פאַלן טראָפּנס שווערע, הייסע בראָנדזענע צו די פיס פון דאַנטע. דאַנטע בויגט זיך אויס, שטרעקט זיך אויס, גייט אַרונטער פון זיין פּעדעסטאַל. דאַנטע גייט מיט אָפענע אויגן צווישן די טרעמפּס, צווישן די היימלאָזע קינדער פון דער ערד. עס פאַלן טראָפּנס צעגליטע בראָנדזע פון זיין לייב. דאַנטעס פּנים איז צאָרנדיק. די ליפּן — פעסט געשלאָסן. פון זיין קאָפּ פאַלן אַראָפּ די פאַרוויאַנעטע לאָרבער־בלעטער. דאַנטע גייט שרייבן אַ שיינעם ספר. דאַנטע ווערט פאַרשוואונדן צווישן פּובליקום. דאַנטע גייט אויפדאָסניי שטראָפן די פעלקער. דאַנטע גייט עפענען די פייערדיקע טאָלן פון גהינום פאַר אַזוי פיל מערדער און רוצחים. זיינען דאָך די פאַרברעכנס פון זיין צייט געווען בלייך אין פאַרגלייך צו די מאַסן־מאָרדן פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איבער אונדזער אַלטן פאָלק . . . — — —

דער מאָנומענט איז ליידיק. עפּעס אַ הויקערדיקער טרעמפּ גייט צו צום פּעדעסטאַל, צעלאַכט זיך און באַטרעט אים מיט זיינע קרומע פיס. אַזוי שנעל ווי ער באַרירט דעם מאָנומענט, ווערט ער פאַרשטיינערט. די מענטשן קוקן אויפן מאָדנעם קריפּל וואָס יאָמערט אַ פאַרשטיינערטער.

אָבער דאַנטע זיצט איצט ערגעץ אין אַ דאַך־שטיבל. ער עפנט ברייט פונאַנדער אונדזער שטורעמדיקע עפּאָכע. ער מישט די ברייטע, פאַרבלוטיקטע בלעטער פון פאַרברעכן, ער גייט משפּטן לענדער און פעלקער, הערשער און פירער. דאַנטע שרייבט אַ פלאַמענדיקער אַ נייעם „גהינום".

פאַרנאַכט מיט זיין פאַרגליווערטן יאָמער אויפן שטיינערנעם פּנים שטייט דער טרעמפּ אויפן פּעדעסטאַל. די לבנה ציטערט אויף אויפן הימל, איבערן טרעמפּ. און פון ערגעץ אַ פענסטער לויכט אַ לאָמפּ. אין דער דאַרער האַנט בליצט אַ פעדער. אַ בלאַס פּנים ווערט פלאַמענד־רויט, אויגן פון אַ נביא בליצן אויף — — —

## איזראעלס (1824־1191) פאַרצייכנונג

געווידמעט דעם פּאָעט משה עובד, וואָס איז תמיד איינגעהילט
אין יום־טוב פון גאָלדענער יידישקייט, מיט ליבשאַפט—פון ש.ט.

עס איז אַ בילד וואָס הענגט אויף אַ וואַנט אין אַ צימער אין האָטעל דעל מאָניקאָ. עס איז געווען נאַכט. די ערד איז געווען פייכט נאָך אַ רעגן. דער רעגן איז נאָך געווען פריש אין מיין זכרון. ער איז געווען ווי פון זילבער. ווי צעשמאָלצענער זילבער. און ער האָט מיט אַזאַ הימלישן ציטער באַרירט די ערד. די ערד, וווּ אַהין ער איז געפאַלן, כדי אויסצוגיין, כדי צו שטאַרבן.

איך בין אין דער דאָזיקער רעגנדיקער נאַכט געשטאַנען פאַר איזראעלס׳ בילד „די חתונה". ביידע, יידישער חתן און יידישע כלה, שטייען אונטער אַ וואַל. דער וואַל איז פון שטערן־ליכט. דער וואַל איז פון דורכזיטיקן זילבער. דער וואַל איז צאַרטער ווי דער צאַרטעסטער זייד. עס איז געווען אַזוי פיל פּאָעזיע. אַזוי פיל שיינקייט אין דעם בילד. חתן־כלה שטייען אונטער אַ וואַל, און אַרום שטייען די משפּחות. נאָר מען זעט נישט קלאָר די פּנימער פון די משפּחות. זיי זענען פאַרבאָרגן אין דער טיפענייש. אין דער נאַכט. דער חתן ציטערט. די כלה ציטערט. ער טוט איר אָן אויף דער ווייסער, אויף דער אַלבאַסטערדיקער האַנט דאָס פינגערל, דאָס קליינע, דאָס גאָלדענע פינגערל. אָ, ווי זיי ציטערן ביידע. ווי זיי ציטערן אין דער אומהיימלעכער נאַכט, ווען זיי טרעטן אַריין אין דעם פּראָזאַאישן לעבן, אין דעם שווערן יידישן פאַמיליען־לעבן, ווען עס ברעכט זיך איבער די פּאָעזיע פון דער יוגנט, ווען זיי גייען אַריין אין דער מיפּולער, ביטערער אַרבייט און גרויקייט פון לעבן און פון מאַטערניש. — — —

עס ציטערן ביידע: חתן און כלה. און דער וואַל, דער דורכזיכטיקער וואַל, הילט זיי איין, די יידישע חתן־כלה. אָ, וווּנדערלעכער איזראעלס! איך האָב געקוקט פול מיט טרערן אין די אויגן אויפן דאָזיקן אומגעהויער־איידעלן בילד . . .



## א. נ. שטענצל

## מרחשוון-לידלעך

נאָך מיט שוואַכסטן פליגעלע

מיט קאַלט צעשטרעקטע צווייגן דער נאַקעטער דעמב,
ער קלאַמערט זיך אינם וואָלקן אויף הימל,
מיט איינגעזאַפּטן שטראַל אין נאַסער קאָרע,
זיך צו צעבליען כאָטש מיט טוכלען שימל.

אין די בלאָטע שיסעלעך, די פאַרשטומטע זשאַבעס,
פאַרקריכן זיך איידער ס׳פרירן די טייכן,
נאָר מיט שוואַכסטן פליגעלע זיינעם דער פויגל,
וועט דערפליען ווו די זון צו דערגרייכן.

דאָ אין דער טעמזע

דערפליען דען אַלע פייגל די ברייט פון ים,
אָבער אַלע דערפילן די פרייד פון פלי;
נאָר דאָס שוואַכסטע, אַפילו, מיט פליגעלעך קוים,
וואָס פאַלט אין דער טעמזע שוין אַראָפּ דאָ הי.

איז דען דער אָנפלי דאָרט, צי דער אַוועקפלי דאָ?
ס׳איז דאָס גרייטן זיך צו אים אַ לעבן לאַנג!
נישט נאָר דאָס דערזען די זון — די שרעק פאַרן תהום,
איז די ציטער־פרייד אויפברויז אינם געזאַנג.

ווען נישט ווען . . .

ביז אַרויף אויבן, ביז צום שפּיץ־דאַך אין דער הייך,
אַרויפגעקראָגן זיך די קריכפלאַנצן אויף דער וואַנט,
מיט לעצטן כוח דערגראַבלט זיך, זעען זיי אויס,
ווי אַרויסגעקראָכענע אָדערן אויף אַ האַנט.

קיין בלעטל מער אויף דער נאַסער וואַנט, זי זעט אויס,
נישט פאַרענגט — אָפּגעגאַנגען אין זיבעטן שוויס!
נאָר פון דער הויך פון שפּיץ־דאַך ווינקט גרין אַ בלעטל,
מסתמא גיט זיך נאָך, ווען נישט ווען, זון דאָרט אַ באַווייז.

אַז איין וואָלקן פֿאַרדעקט די זון

1

קיין זון ס'איז אויף הימל נישט דאָ,
און ווי קיינמאָל ס'וואָלט נישט געווען;
אַז אַזוי טרויעריק ווי אַ מענטש,
דער הימל ער קאָן אויסזען.

און אַז קיין זון נישט דאָ בייטאָג,
ביינאַכט לבנה פֿון וווּ?
אַז מיין האַרץ איז אויסגעלאָשן,
ווי סמוטנע ערשט זיין מוזט דו.

2

אַז איין וואָלקן פֿאַרדעקט די זון,
גאַנצער אַרום אַזוי גרוי,
אַ סך נוטיק צו פֿאַרכמאַרען,
אין אויג דאָס ביסעלע בלוי?

עס קאָן די זון צוריק אויפֿגיין,
אָבער אַ האַרץ פֿון פֿאַרזונק — —
ס'בלייבט שטיל ליגן, ווי אונטער אַש
אַן אויסגעצאַנקטער לעצטער פֿונק.

## אונזער ליד צו פּרצעס 100-טן געבוירן טאָג

פֿון אַ מיידאַנעק, פֿון אַ טרעמבלינקע,
פֿון אוישוויץ ווי אַזוי מיר זענען אַרויס?
פֿון יידישן געסל פּרץ דעמלט,
ס'איז דער וווּנדערלעכער נס פּונקט אַזוי גרויס.

און עס איז דער נס נאָך גרעסער אַ סך!
פֿון פֿלאַמען פֿליען וווּנדער־פֿייגל אַרויס,
אָבער אַז פֿון פּריפּעטשיק פֿייערל,
אַן אָדלער אַזוי געוואַלטיק, אַזוי גרויס — —

פֿון אַלע ווינקלען פֿינקלען די שטערן,
אין גאַנצע פּלעיאַדעס קומען מיר אַרויס;
עס האָט פֿינסטערער הימל אונזערער,
ליכטיק זיך אויסגעקרייזט וווּנדערלעך און גרויס.



פֿון שטראַלן פֿאַרגאָסענעם מילך־וועג
פֿליען פֿייערדיקע קאָמעטן אַרויס — —
אַ מלאך שטייט אונטער מינדסטן גרעזל,
אַז דעראיבער אַ זון ליכטיקט אַזוי גרויס.

## מיין תּפֿילה איצט

אַז נישט מיט שמע ישׂראל אויף די ליפּן,
אין גאַז־קאַמער אויסגעגאַנגען ווי אַ ייִד,
כאָטש די זכיה האָבן ביז לעצטער מינוט,
דאַוונען ערלעך מיין ייִדישלעך ווידוי־ליד.

אַנידערגעפֿאַלן אין גאַס, אויסגעשטרעקט,
צווישן די ציין פֿאַרביסן דאָס לעצטע וואָרט,
איך האָב עס דאָך אין מיין ביטערן לעבן,
נישט פֿון איין ביסן מיינעם שווער אָפּגעשפּאָרט.

אַ וואָרט ווי אַ מענטש פֿאַרפּייניקט קאָן ווערן,
און ביי לעבעדיק לייב צו קבורה געבערענגט;
אַליין אַ מעשׂה ס'וואָלט זיך אָנגעטאָן,
אויף פֿאַרביטערטער ליפּ בלייבן אויפֿגעהענגט —

ווי אין גאַז־קאַמער שוין אַריינגעשטופּט איצט,
שטיקט זיך מיין וואָרט אין מיין כאָרכלדיקן האַלדז!
נאָר אויסהאַלטן קענען לעצטע מינוט דאָ,
מיט עקל נישט אַ כראַקע טאָן כ'זאָל שוין אויף אַלץ.

## די באַלאַדע פֿון סאַנדזערס גיין אין מקווה אַריין

1

נאָך איידער די זון אויפֿגעגאַנגען איז,
און געפֿאַרבן אויף רויט אַרום שטאָט דעם טייך,
אין געהייצטער באָד דער ערשטער געווען,
גיך זיך געטובלט און אַרויס פֿון איר גלייך.

ס'זאָל חלילה קיין חציצה נישט זיין,
פֿון פֿיס געריסן אַ בלוטיקן באַנדאַזש,
פֿון רינען פֿון די אָפֿענע ווונדן,
אַז די מקווה איבערגעגאַנגען איז אַש.

דאָס טעמפּע נאָכשלעפּן דעם שווערן פוס,
פון די בעטן געהויבן ס׳האָט אַלע פון הויף,
נאָר איידער זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט,
אין התבודדות־שטוב צוריק שוין אַרויף.

„לשם יחוד קידשא בריך הוא ושכינתיה״ — —
דער געשריי ביים אַרויסנעמען דעם של־יד,
און דער לויף זיינער אַהין און צוריק,
ביזן הימל אַרויף געצויגן דעם שליאַד —

גלייך מיט זידיקן בלוט אָקאָרשט באַשפּריצט,
די בערג אַרום שטעטל, דעם וואַלד און דעם טייך,
רויט צעצוויקט, ווי פון אונטערן אייז אַפּויר,
שטייט אַ געטובלטע די זון אין דער הייך.

2

עס לעבט אַ שטאָט מיט יידן פון אַ וואַלד,
אַ דערפל ביים ברעג טייך פון געפאַנג פון פיש,
סאַנדז אָבער לעבט פון אַ געהייצטער באָד,
פון שריים געכאַפּט פונם רבינס טיש.

פון גאָר דער וועלט קומען חלאים אָן,
געטראָגן, געפירט און טאַפּנדיק ביי וואַנט,
זיי ברויכן זיך נאָר אין מקוה טובלען,
און אַראָפּגענומען שוין, ווי מיט דער האַנט.

פאַר מקשה לילדת און עקרת
בדוק ומנוסה איז דאָך ממש די באָד.
עס גייט אַ ייד אָפּ יעדן טאָג אין בלוט,
און ס׳ציט פרנסה דערפון אַ גאַנצע שטאָט —

אין נישט נאָר פון די קראַנקע וואָס קומען,
מען פאַרשיקט עס אין פלאַשן אין גאָרער וועלט,
עלעהיי דאָס וואַסער פון די בעדער — —
און דאָס שטעטעלע סאַנדז עס באָדט זיך אין געלד —

גלייך פון פישטייך, לעבט אַ שטאָט מיט יידן,
פון שריים געכאַפּטן פון רבינס טיש!
און עס האָבן אים די סאַנדזער גוים,
שיעור פאַרטוישט אַפילו מיטן אותו־האיש.



3

אין אייז פאַרקאָוועט זיינען די שויבן,
די הייזלעך ביז צום טייך אַרויף פאַרשנייט,
פון ווייטן יאָגן ווילד אָן אַ זאַווערוכע —
אַ טשאַטע הינט אָפּגעריסן פון קייט.

דער קלויסטער הערט נישט אויף מיטן קלינגען,
און די שליטנס מיטן שיכורן געזאַנג,
די זון אויגלט רויט אין פענסטערס אַריין —
אַ סאָווע ווו ס׳ליגט ווער מסוכנדיק קראַנק.

אייסגעצויגענער מת ליגט דאָס פעלד שוין,
און דער וואַלד ווי אין תכריכים אָנגעטון,
נאָר פון מוטערטראַכט, פון געפרוירנעם טייך
גייט אַרויס לייבהאַפּטיק גאָטס געבוירענער זון —

פאַרזעסן ביים קערטל ניטל ביינאַכט,
האָט דער בעדער פאַרגעסן צו הייצן די באָד.
און ווען ער, געטובלט, אַרויס פון טייך,
פון קלויסטער זיינען זיי געגאַנגען גראָד —
— — — — — — — —
דערשראָקענע געפאַלן אויף די קני,
האָבן זיי די אויגן פרעפּלדיק פאַרדרייט,
ווען דעם בלוט־שליאַד גערונען פון וווּנד,
האָט דערווייל דער זאַווערוכע ווינד פאַרווייט.

4

האָט דאָך גאָט אָבער געשוויירן אַמאָל:
אַלצדינג קומען מוז אויף דער אָפענער שיין — —
און ווען זון צוריק האָט זיך באַוויזן,
גאַנץ שטעטל געטובלט האָט זיך אין געווין —

אָן אונטערגעוואָרפענער בלבול־שרץ,
געלעגן ביים טייך און געפּאָדערט זיין חוב!
צעגאַנגען דער שניי און שליאַדעס פון בלוט,
געפירט האָבן ביז צו אים אויבן אַרויף.

ווי די קריעס וואָס גייען אויף טייך,
איז דאָס גאַנצע דאָרף אויפגעקאָכט פון באַוויז,
און וויפיל ביי אים נישט איינגעריסן,
קאַרג אויף אַ וואָרט ר׳איז און קאַלט ווי אַ שטיק אייז —

צי וועט ער דען אַן עדה מיט יידן
איבערלאָזן חלילה אויף גאָטס באַראָט ?
ער אָבער וועט דאָך נישט גיין דערציילן :
ניטל האָט דער בעדער נישט געהייצט די באָד — — — —

נאָר ווען נאָך מיים־שלנו צום טייך,
גלייך פון דער מקווה ר׳איז געקומען צו גיין,
דעם פּרישן שליאַד גאַנץ דאָרף נאָכגעגאַנגען
און פאַרשטאַנען ווי אַ מענטש קאָן געטלעך זיין.

5

מ׳האָט ס׳שטעטעלע סאַנדז נישט אויסגעקוילעט,
אָבער דעם בעדער האָט מען מעביר געווען,
וואָרים נישט בלויז אין דער מקווה אַליין,
אויך שויןביים טייך האָט מען נסים דערזען.

דאָרט ווו דער שליאַד האָט זיך אויסגעלאָזן,
האָבן די גויים אַ צלם אַוועקגעשטעלט !
און ווי ווילדע זאַווערוכע־ווינדן,
ווייענדיקע אָבראַזעס די זון פאַרשטעלט.

מ׳האָט ס׳שטעטעלע סאַנדז נישט אויסגעקוילעט,
אָבער וואָס איז נעבעך געוואָרן דערפון !
טויט דאָס געגיי פון התבודדות שטוב,
אויף הימל גייט נישט אויף געטובלט די זון.

„לשם יחוד קידשא בריך הוא ושכינתה" —
אַ יללה געוויין טראָגט זיך פון דער הייך ;
און דאָס שטעטל פאַרשטופּט זיך די אויערן,
פונם געבלעקעץ־געזאַנג וואָס קומט פונם טייך — —— — — —

ווייל דעם בעדער פון פּרנסה געבערענגט,
צי ווייל דאָס וואָס ס׳איז מיטן צלם געשען ?
ס׳האָט דער סאַנדזער, זכרונו לברכה,
נישט מער אויף דער וועלט מעריך ימים געווען.



רחל מירסקי

## דריי אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן

איך געדענק נישט קיין באַשטימטן דאַטום, ווייל איך האָב קיינמאָל נישט געדענקט אַז איך וועל פּרובירן דאָס אָנצושרייבן, כדי זיך צו טיילן מיט אַנדערע מיינע איינדרוקן.

עס לעבן אין מיר די ליכטיקע דערינערונגען וועגן די דריי פאַרשידענע מאָמענטן, וואָס איך האָב געהאַט וועגן אונזער גרויסן י. ל. פּרץ.

איך בין אויך נישט אויסן צו זיין פּערזענלעך, איך וועל איבערגעבן אַזוי ווי איך געדענק, דריי פאַרשידענע עפּיזאָדן.

### דער מאסקן באל

אפשר איז דאָס געווען אין די יאָרן 1909־10. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איך געדענק נישט קיין דאַטום.

עס איז געווען אין וואַרשע פאַר פּורים. ליטעראַטן צוזאַמען מיט אַרטיסטן האָבן צוגעגרייט אַ פּורים־באַל. דער יונגער עולם וואָס רינגלט תמיד אַרום שרייבער און קינסטלער, איז געווען באַגייסטערט מיטן געדאַנק וועגן דער אונטערנעמונג : עס וועט זיין אַ געלעגנהייט אַזוי ריכטיק זיך צו פאַרווילן און צו ברענגען צום אויסדרוק אַלע יוגנטלעכע ברויזנדע אינסטינקטן... איך, זייענדיק אין לאָדז, האָב געקריגן צו וויסן דורך מיינע פריינט אין וואַרשע וועגן דעם גרויסן יום טוב, וואָס ווערט צוגעגרייט און מען שרייבט מיר צו קומען. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און געפאָרן.

דער דערוואַרטעטער טאָג איז געקומען. מיר, אַ גרופּע פריינט, אַלע יונג און פול מיט לעבן, זיינען אַוועק צו דעם מאַסקן באַל.

צו באַשרייבן די פריילעכקייט איז זיכער איבריק, ווייל יעדער קען זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָס מיינט פאַר יונגע זאָרגלאָזע מענטשן... אויסן בין איך אָבער איבערצוגעבן דעם מאָמענט פון העכסטן עקסטאַז פון דעם אָוונט : ווען אַ גרויסער טייל שרייבער, דיכטער, מאָלער און אַנדערע קינסטלער זיינען געשטאַנען פּנים לפּנים מיט זייערע „דאַפּעלס". ווען דער עולם האָט דערזען פּרצן, מיט דער לאַנגער פּאַלערינע און שוואַרצן ברייטן קאַפּעלוש, מיט אַ גרויסער שוואַרצער שלייף אונטער דער גאָמבע, און די געדיכטע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, און געהאַלטן אונטערן אָרעם זיין פריינט, דעם קליינינקן יעקב דינעזאָן, אויך מיט אַ גרויסע שוואַרצע שלייף פאַר אַ קראַוואַט ; און אַז די צוויי פּרץ׳עס און צוויי דינעזאָנס זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און געשמייכלט, האָט אויסגעבראָכן גאָר אַ גרויסע אָוואַציע. דער איינדרוק איז געווען אונגעהויער. איך וועל תמיד געדענקען די צוויי לאַכנדיקע אויגן. מען קען דאָס מיט ווערטער נישט איבערגעבן. אַז איך דענק צוריק אין יענער צייט, איז דאָס איינע פון מיינע פריילעכסטע דערינערונגען וואָס איך וועל תמיד געדענקען מיט וואַרעמקייט.

## א פרימארגן אין מאי

דאָס האָט געמוזט זיין אין די יאָרן 1910־11. עס איז געווען אַ הערלעכער פרילינג. עס איז פאָרגעקומען אין לאָדז אַ באנקעט פאר מ. טשעמערינסקי (ר׳ מרדכי׳לע). פרץ איז אויך געווען ביי דעם אָונט. דאמאָלט איז געעווען אַ מאָדע צו באַנקעטעוון דורך דער גאַנצער נאַכט. די יוגנט איז דאָך איבעראַל געווען און איבערהויפט ווען עס איז געווען אַ יום טוב פאר אַ יידישן שרייבער איז מען דאָך זיכער געווען אַנוועזענד. און אַזוי ווי יונגע מענטשן ווערן זעלטן מיד, נאָך דעם ווי יעדער פון אונז האָט זיך מיט עטוואָס באַטייליקט אין דעם אָוונט, האָט קיינער נישט געוואָלט אַהיימגיין נאָך דעם ווי דער באַנקעט האָט זיך געענדיקט, און מען האָט באשלאָסן צו מאכן אַ „מאַיוווקע״.

פרץ איז געשטאַנען אין אַ צווייטער גרופּע און געשמועסט, אָבער ער האָט געזען, אַז מיר, די יונגוואַרג, גרייטן זיך צו עפּעס. ער איז צוגעקומען צו אונז און געזאָגט: „נו, חברה, וואָס גייט איר טון ?.. איך זע דאָך אַז איר ווילט נישט אַהיים גיין. איז עפּעס דאָ ביי אייך אַ שיינער גאָרטן ?״ און זיינע שוואַרצע אויגן מיט די געדיכטע ברעמען און דיקע וואָנסעס האָבן געלאַכט ווען ער האָט דאָס געפרעגט.

דאַן געדענק איך, אַז איך האָב געזאָגט: עס איז דאָ אַ נייער פּאַרק, וואָס וועט זיכער זיין אָפן פרי, זאָלן מיר מאַכן אַהין אונזער מאַי שפּאַציר. אַלע זיינען געווען איינשטימיק, און חברה צוזאַמען מיט פרץ׳ן זיינען אַוועק אין פּאַרק אויף טאַרגאָווע גאַס.

עס איז געווען פאַרטאָג, ווען מיר זיינען אַריין אין פּאַרק. די זון האָט אָנגעהויבן אויפגיין, אַ רויטקייט האָט באַגאָסן דעם גאָרטן, אויך אונזערע יונגע פּנים׳ער, וואָס זיינען געווען פול מיט פרייד, ווייל פרץ איז געווען צווישן אונז.

אין אַ מאָמענט האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט: עס איז קיל. איך ווייס נישט צי איך האָב דאָס געזאָגט ווייל עס איז מיר געווען קאַלט, אָדער גלאַט געזאָגט. אָבער פרץ האָט דעם זעלבן מאָמענט גענומען זיין פּאַלערינע און מיר אַרויפגעלייגט אויף מיינע אַקסלען.

ביז דעם היינטיקן טאָג, ווען איך דערמאָן זיך אין יענעם פרימאָרגן אין מאַי, פיל איך נאָך די באַרירונג און די וואַרעמקייט פון דער פרץ פּאַלערינע! הערלעכע יוגנט דערינערונגען! . . .

## אין גרויסן יידישן טעאטער אין לאדז

דער דראַמאַטישער קונסט פאַראיין, אונטער דער אָנפירונג פון מאַרק אַרענשטיין, ברענגט פרץ׳ן נאָך לאָדז פאַר אַ ליטעראַרישן אָוונט. דער גרויסער יידישער טעאַטער, אויף דער קאסטאנטינער גאס, איז געווען געפּאַקט. צוערשט האָבן אויפגעטרעטן די מיטגלידער פון פאַראיין, מיט פאַרשידענע פרץ׳ס זאַכן, נאַכהער טרעט אויף פרץ אַליין. ער האָט אויסגעזען זער קליין אויף דער בינע, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לעזן, האָט מען דאָס שוין נישט באַ־



מערקט. געלעזן האָט ער „דאָס שטריימעל״, און „מאָניש״. די יונגוואַרג, וואָס האָט דאַמאָלט אַ ביסל אויפגעהערט צו גלויבן אין אַ סך זאַכן, איז געווען באַגייסטערט צו הערן לייענען „דאָס שטריימעל״, „מאָניש״, ווידער, האָט געהאט אַן אַנדערע ווירקונג. עס האָט גערעדט צו זייערע געפילן פון וועלכע די יוגנט איז דאַמאָלט געווען באַהערשט. דער דורשט צום לערנען, צו וויסן, אַרויסצוגיין אין דער וועלט און אויפצונעמען אין זיך אַלעס וואָס איז גוט און שיין. דאָס געדיכט „מאָניש״ האָט גערעדט צו די פארלאנגען פון דער מאסע, וואָס איז געווען אנוועזענד אין טעאטער. די מיינסטע זיינען געווען דאנקבאר פאר די צוויי זאכן וואָס פרץ האָט געלעזן.

אין דעם צווייטן טייל פון אָוונט איז געגעבן געוואָרן „די דריי מתנות״. די באַגייסטערונג איז געווען אונגעהויער. עס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער אָוונט. ווער עס האָט דאַמאָלט געזען, ווי פרץ אַליין איז געווען באַגייסטערט און מיטגעריסן פון די אַלע יונגע שרייבער אַרום אים, אַלע האָבן געשלונגען מיט די אויגן און אויערן יעדעס וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט — מען האָט געזען אַז ער איז יונג צוזאמען מיט דער יוגנט! . . .

° ° °

פאר מיין אָפּרייזע פון פוילן, אין יאָר 1914, זייענדיק אין ווארשע, האָב איך פרצן ווידער געזען. איך ווייס נישט די אורזאך פארוואָס. ער איז נישט געווען דער זעלבער. איך בין געווען גערירט אים צו זען. טראָץ די זעלבע לאַכנדיקע אויגן, דאָך איז געווען אַן ענדערונג אין זיין גאַנץ וועזן. דאָס פּנים פול מיט קנייטשן, זייער שטארק באוואקסן מיט האָר, האָר אין די אויערן, אין דער נאָז, איינגעבויגן, אַלעם איז געווען אין אים ווי צושמאָלצן. עס האָט מיר זייער ווי געטאָן אים אַזוי צו זען.

ער איז געווען אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט. די אַלע דערינערונגען וועלן מיך באַגלייטן ביז די ענד.

---

### ש. ערנסט

## נאך צוויי רעליגיעזע מיניסטארן אין ישראל

(אַ בריוו פון תל אביב)

מיטן אויסקלייבן פון הרב דר. קלמן כהנא אַלס וויצע מיניסטער פאַר דערציאונג און קולטור און ד. צ. פינקאס אַלס מיניסטער פאַר קאָמוניקאַציע און פאָסט זענען צוגעקומען נאָך צוויי רעליגיעזע מיניסטאָרן אין ישראל, און מיט דער באַשטימונג פון בנימין מינץ אַלס וויצע פאָרזיצער פון „כנסת״ (פאַרלאַמענט), איז פארשטארקט געוואָרן די אַלגעמיינע פאָזיציעס פון רעליגיעזן יידנטום אין די הערשענדע און ערציהערישע רייען אין ישראל.

דער קומענדער היסטאָריקער, וואָס וועט קומען כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייטן פון אונזערע מיניסטאָרן אין ישראל, וועט זיכער אָפּגעבן אַ שיי־

נעם קאַפּיטל דעם דר. כהנא, אַלס אַ מאַן פון וויזיע און טאַט אינאיינעם, אַ מאַן, וואָס סינטעזירט אויף אַן האַרמאָנישן אופן תורה און עבודה.*

די פּערזענלעכקייט פון הרב כהנא, מיט זיין ליכטיק צאַרטן געזיכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיך תורה און חכמה, איז איינער פון די רעשטן פאַרבליבענע שלומי אמוני פון דער יידישער באַרימטער שטעטל בראד, ווו ס'האָבן האַרמאָניזירט לומדות און השכלה אינאיינעם. די „חכמי בראד" זענען געווען אַ שם דבר אין דער יידישער וועלט אין משך פון אַ גאַנצער תקופה.

הרב דר. קלמן כהנא איז אַ באַרימטע און באַליבטע פּערזענלעכקייט אין די רעליגיעזע קרייזן. געבוירן אין פּוילן (בראדי), שמ'ט ער נאָך ייִנגעלווייז און ווערט שפּעטער באַקאַנט אַלס „בראדער עילוי". נאכעהר, אַז ער באַקומט דעם דאָקטאָר טיטול אין בערלין, באַוווּנדערן אַלע פּראָפעסאָרן זיין גרויסע ערודיציע אין אַלע וויסנשאַפטן. זינט 1938 איז ער טעטיק אין ישראל און האָט אין פאַרלויף פון דער צייט זייער פיל געשאַפן און דערוואָרבן אַכטונג אין ברייטע קרייזן צוליב זיין געווונטשענער געזעלשאַפטלעכער אַרבייט.

גלייכצייטיק מיט אים איז איצט געקליבן געוואָרן פון „פּועלי אגודת ישראל", בנימין מינץ, דער באַרימטער פּאָלקס טריבון פון די רעליגיעזע מאַסן, וואָס איז גוט באַקאַנט אויך אַלס באַגאַבטער העברעאישער שריפטשטעלער. שוין צו 18 יאָר פאַנגט ער אָן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, וואָס שאַפט אים גלייך רוהם. אין אַ קורצער צייט אַרום גרינדעט ער צוזאַמען מיט מ'. וואידיסלאַווסקי די צייטונג „אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך", וועלכע וועקט אַ גרויסן אינטערעס אין די וויסנשאַפטלעכע קרייזן, זיינע מאמרים אין „חכמת ישראל", אין וואַרשאַווער „יידישן טאגבלאַט" פאַרעפנטליכט ער אַקטועלע אַרטיקלען וועגן פּראָבלעמאַטישע יידישע ענינים, אויך אין „דגלנו" און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן פאַרטיפט ער דעם רעיון פון אַ רעליגיעזער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, און איבערהויפּט די פאָדערונג פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון רעליגיעזן יידנטום. זיינע „רייזע איינדרוקן" פון פאַרשידענע לענדער, ווערן איבערגעזעצט אין עטלעכע שפּראַכן.

פון יאָר 1925 איז ער טעטיק אין ישראל אין פאַרשידענע געביטן: ער אַרבייט מיט אין פאַרשידענע זשורנאַלן, אָרגאַניזירט די „פּועלי אגודת ישראל" פּאַרטיי, ווו ער שאַפט פאַר זיי עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און באַזירט דאָס לעבן פון רעליגיעזן אַרבייטער און זאָרגט באַזונדערס, ער זאָל נישט באַרויבט ווערן פון זיינע רעכט, צוליב זיינע אידעאישע איבערצייגונגען, העלפט מיט אַנטוויקלען דאָס רעליגיעזע שול־וועזן, טרעט אַריין אין דער „כנסת" ווו זיינע אַרויסטריטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע פאַרשאַפן דעם רעליגיעזן יידנטום פיל כבוד, און לעצטנס די פאַרשטאַרקטע טעטיקייט אין די קיבוצים פון „אגודת ישראל", ווו ס'ווערן אָפּגעהיט אַלע יידישע טראַדיציעס. און אַז עס קומט דער ליבער שבת קודש ווערט אין אַזאַ קיבוץ אַנדערש אויף די לופט.

---

*וועגן מיניסטער פאַר קאָמוניקאַציע האָב איך געווידמעט אַ ספּעציעלן אַרטיקל



מען פילט ווי די קדושה שפּרייט אויס אירע פליגל צוגלייך מיט „קבלת שבת". פרייטאָג פאַרנאַכט הערט זיך אַ פריידיק געזאַנג, וועלכעס צינדט אָן אַלעמענס הערצער מיט די לעצטע ברענענדע שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון, וואָס צופלאַמט און צושטראַלט אַלעמענס פּנימער מיט דער אידלקייט און צאַרטקייט פון די באַשיידענע שבת־ליכטלעך, וואָס ברענען דאַן אין יעדן יידישן הויז.

דער שטראָם פון דער נייער עליה האָט פאַרגרעסערט די צאָל פון זייערע חברים און אַזוי איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס פאַרוואַנדלען זייער וואָכנבלאַט „שערים" אין אַ טאָג־צייטונג, ווי אויך צו פאַרגרעסערן דעם ניוואָ פון דער דאָזיקער צייטונג. דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר איז דער באַגאַבטער שריפטשטעלער גאָלדראַט, וואָס ווידמעט זיך אינגאַנצן דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער צייטונג, סיי אויף דעם ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן געביט פון „חכמת ישראל" און סיי אין דינען די אינטערעסן פון די ברייטע רעליגיעזע מאַסן אינם דערוואַכטן ישראל־שטאַאַט, ווו דאָס גאַנצע לעבן ווערט איצט רעאָרגאַניזירט פון ס'ניי. די צייטונג „שערים" איז איצט אַ מוסטערהאַפטע רעליגיעזע טאָג־צייטונג. איר געפינט דאָ טעגלעך פאַרשידענע רעפּאָרטאַזשן פון רעליגיעזן לעבן פון יידישן פּאָלק אין דער גאָרער וועלט. די צייטונג רעאַגירט אויף אַלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן אויף אַלע געביטן, שפּרודלט מיט פרישקייט און נעמט אַ לעבהאַפטן אַנטייל אין אַלע פּראָבלעמאַטישע פאַרוויקלטע שטאַטליכע פראַגן פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון נייעם שטאַט ישראל. און זינט עס זיינען אונטערגעגאַנגען די וואַרשעווער צייטונגען „היינט" און „מאָמענט" זענען אַזעלכע יום־טוב נומערן נישט דערשינען, ווו ס'ווערט אויף אַזאַ רייכן און ברייטן אופן געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין די „ימים נוראים" און „סוכות־טעג", וואָס זענען ממש אַן אוצר פון יידישן פּאָלקלאָר.

די צייטונג האָט איצט נייע אויפגאַבן, צוליבן באַטייליקן זיך פון אירע חשובע פירער אין דער רעגירונג און דער „כנסת". ערשטנס באַלויכטן זיי זייער שטעלונג צו אַלע רעגירונגס פראַגן אין ליכט פון זייער פּאָזיציע אין דער רעגירונגס קאָאַליציע און אין ליכט פון זייערע אידעען. ס'איז ממש ווירקלעך ווי זיי וואָלטן אומגעריכט אַ פּאָליטישן „תחית המתים" אויפגעשטאַנען. מען פילט דעריבער אַ פרישע יוגנטלעכקייט אין אַלע זייערע אַרבייטן, סיי אין תורה־געביט, מיטן דרוקן תלמודישע אָפּהאַנדלונגען און דברי תורה און שיחות חולין פון תלמידי חכמים. ראַטשטיין דרוקט דאָ זיינע רייכע שילדערונגען פון חסידישע פּערזענלעכקייטן, ציניאַוויטש — זיינע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען, און זייערע פּאָליטישע פאַרשטייער: הרב קלמן כהנא, בנימין מינץ, גאָלדראַט, זייער פּאָליטישע אַקטועלע שטעלונגען צו דער מאַטעריעלער און גייסטיקער ישראל בוי.

## יוסף פרענקעל

# דער קריזיס פון דער באָרד

אין דער אגודת־ישראל האָבן שטענדיק עקזיסטירט צוויי ריכטונגען: איינע, וואָס איז צוליב ליבע צו דער רעליגיע און דער תורה געקומען צו דער אָרגאַניזאַציע, און די צווייטע — צוליב בלינדער שנאה און טיפן האַס צום ציוניזם. עס זיינען דאָרטן געווען אָרטאָדאָקסע יידן, וואָס האָבן זיך ערלעך געקימערט וועגן די ישיבות און תלמוד־תורות און האָבן זיך געווידמעט דער רעליגיעזער דערציאונג פון דער יוגנט. אַנדערע אגודיסטן האָבן זיך דאַקעגן באַטראַכט אַלס „הויך־פאָליטיקער“ און זיינען געוויינלעך געזעסן אין די פאָרצימערן פון די פאַרשיידענע אַמטן, כדי צו מאַכן בלבולים אויף ציוניסטן און זיי צו באַקעמפן. אָט די „הויכע־פאָליטיקער“ האָבן שוין געזאָרגט פאַר רעגלמעסיקע אַנטי־ציוניסטישע סענזאַציעס, טראָץ דעם וואָס זייערע האַנדלונגען — צום שרעק פון די פרומע אגודיסטן — זענען געווען קעגן די יידישע דינים. דאָס זיינען מייסטנס געווען געוועזענע ציוניסטן אָדער מזרחיסטן, וואָס האָבן צוליב אירגענד וועלכער סיבה געהאַט פאַרלאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער אגודה האָבן זיי געגרינדעט נייע אינסטיטוציעס — קאָפירט לויט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — כדי מיט דער הילף פון די אינסטרומענטן אונטערצוגראָבן דעם איינפלוס פון די ציוניסטן. אַמאָל פלעגן זיי גיין האַנט אין האַנט מיט די יידישע אַסימילאַנטן אין פוילן, כדי צו ברענגען צו אַ דורכפאַל פון די ציוניסטישע קאַנדידאַטן. שפעטער האָבן זיי אָנגענומען אַן אַראַביש־פריינדלעכע שטעלונג, כדי צו דיסקרעדיטירן דעם ציוניזם. און ביז היינט שטימען זיי כמעט שטענדיק אויף זיצונגען פון יידישע קהילות צוזאַמען מיט די אַסימילאַטאָרן קעגן די ציוניסטן.

נאַטירלעך זענען געווען און זיינען היינט דאָ אויך אַנדערע אגודיסטישע פירער, וועלכע זיינען פאַר אַ צוזאַמענגיין מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי זיינען געבליבן אין דער מינדערהייט.

אין די אַמאָליקע צייטן האָט מען אַן אגודיסט לייכט געקענט דערקענען. עס איז געווען גענוג אַ בליק צו וואַרפן אויף דער טראַדיציאָנעלער קליידונג, אויף דער באָרד און פיאות, און שוין האָט מען געוווסט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אַגודיסט. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין יידישן אויסזען, הגם דאָס איז אָפט געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן. פאָגראָמשטיקעס, פעטלוראָוועצעס, פוילישע סאָלדאַטן און סלאָוואַקישע אַנטיסעמיטן האָבן אין דער ערשטער ריי איבערפאַלן יידן מיט באָרד און פיאות.

היינט איז עס אַנדערש. עס ווערט אַלץ שווערער צו אונטערשיידן נאָר לויטן אויסזען אַ בונדיסט אָדער אַ ציוניסט פון אַן אגודיסט. אַ סך אגודיסטן זען היינט אויס ווי די „דאַטשן“ — אַזוי האָט מען אַמאָל אין יידישן שטעטל אָנגערופן אַ יידן, וואָס האָט זיך „דייטשמעריש“ געקליידעט און וואָס האָט געהאַט אַ געגלאַט געזיכט. און אויסגערעכנט אין ענגלאַנד — און אויך אין אַנדערע לענ־



דער — ווו מען רעספעקטירט באָרד און פיאות און ווו מען קען אפשר מיט אַ „באָרד“ מער אויפטאָן ביי די רעגירונגס־אינסטאַנצן, ווי „אָן אַ באָרד“, געפינט זיך די אגודיסטישע באָרד אין אַ קריזיס. אגודיסטן פון קאָנטינענט, וואָס זיינען געקומען קיין לאָנדאָן, האָבן אורשפרינגלעך געהאַט בערד, לאַנגע און ברייטע, געדיכטע און פאַרפלאָנטערטע. צוערשט זיינען פאַרשוואונדן די טראַדיציאָנעלע בגדים און דאַן די פיאות. אין זעלטענע פאַלן זיינען די פיאות, מיט אַ מאַטעמאַטישער גענויאיקייט אויף אַ העלפט געקירצט געוואָרן, און האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די אויערן ווי אַקראָבאַטן. אויך די יאַרמעלקע האָט „געליטן“. אַלס זשורנאַליסט בין איך אַמאָל געווען אנוועזנד ביי דער כנסיה גדולה (קאָנגרעס פון אגודת־ישראל) אין ווין, און האָב דאַן געזען אַ ים פון יאַרמעלקעס, און נאָך וועלכע! און היינט? דער אגודיסט האָט באַוויזן אַן אַרטיסטישן קונץ־שטיק, — די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ ווערט אומזיכטבאַר. מען קאָן זי דאָרטן זוכן און זוכן און זעלטן זי געפינען. עס זעט אויס, ווי די אגודיסטן וואָלטן זיך מיט זייער יאַרמעלקע געשעמט. די יאַרמעלקע ווערט היינט צוגעפאַסט צו דער האָר־פאַרב און נאָר אַ געאיבט אויג קען זי אַנטדעקן אויפן שפּיץ קאָפּ אין דער גרויס פון אַ שיינהייטס־פלאַסטער. און די באָרד? צוערשט איז פון דער באָרד געוואָרן — אַ בערדעלע. פון יאָר צו יאָר איז ער געוואָרן קירצער, מער געזאַלבט און געפוצט און געריבן, און פון בערדעלע איז געוואָרן אַ קליינער פלעק, מאַנכעס מאָל אַפילו אויך דאָס נישט. דער אגודיסט האָט שטודירט אַלטע און נייע מאָדעס אין צעשניידן בערד. און מאַנכעס מאָל האָט ער זיך אַנטשידן פאַר דער פראַנצויזישער מאָדע, מאַנכעסמאָל פאַר דער ווינערישער, מאַנכעסמאָל אַ לאַ באָהעם, אַ לאַ סטאַלין אָדער אַ לאַ ד׳איזראַעלי.

עס איז פסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אויסגערעכנט מאַנכע אַגודיסטן קווינקלען זיך צווישן „זעלבסט־האַס“ (האַס קעגן דעם אייגענעם האַס“ האָט געפירט צו „קוועלעריי“ און „צעפליישונג“ פון דער אייגענער באָרד) און „אייגנליבע“ (ליבע צו דער אייגענער באָרד). דער־אָ „זעלבסט־באָרד און צו קריטיק — קעגן די בערד פון ציוניסטן.

אין אַ לאָנאָדנער פאַרזאַמלונג פון די אַגודיסטן — אַזוי האָט באַריכטעט זייער צייטונג — האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. פאָרזיצער איז געווען אַ נישט באָבערדלטער אגודיסט. נאָכדעם ווי ער האָט אויפן אַלטן שטייגער באַהאַנדלט די ציוניסטן און מדינת־ישראל, איז אויפגעשטאַנען אַ ציגענע באָרד, וואָס האָט מקנא געווען זרובבל פון מפ״ם צוליב זיין לאַנגער, ווייסער באָרד, און האָט אַטאַקירט די ציוניסטן, וואָס „מאַסקירן זיך אין בערד“, כדי „צו פאַרפירן“ די יידישע קינדער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

הייסט עס — „ציוניסטן מאַסקירן זיך“ מיט בערד און אגודיסטן הויבן אָן זיך צו מאַסקירן — אָן בערד. צום פאַרדרוס פון די אגודיסטן האָבן כמעט אַלע פאַרלויפער פון ציוניזם געהאַט „מאַסקירטע“ בערד. דעם אָנהויב האָט געמאַכט משה העס, דאַן פינסקער, מאָהיליווער, ליליענבלום, אַלקאַלאַי און

שליסלעך הערצל, נאָרדוי און וואָלפזאָן. אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט עס ממש געראַשט פון „מאסקירטע" בערד ווי אין אַ וואַלד. איך האָב אַ פאָטאָגראַפיע פון 148 מענלעכע און 13 ווייבלעכע דעלעגאַטן פון קאָנגרעס. פון די מענלעכע דעלעגאטן — די פרויען האָבן נישט געהאט די מאַסקעס — האָבן 93 אין באזעל געהאט בערד. און וואָס פאַר אַ בערד! איניקע פון זיי וויל איך דאָ אויפציילן: פראָפ. ה. שאַפּירא, ש. ב. רובינשטיין, מ. מאנדלשטאם, וו. קאצענעלזאן, א. ש. ראַבינאָוויטש, י. זאקס, נ. באלקאָווסקי, דוד ה. לעווע, ד. טריטש און — נאַטירלעך — אויך מאטיאס אחר, וואָס איז שפּעטער אַריבער צו דער אגודה. דער ערשטער ציוניסט־סאָציאַליסט האָט זיך אויך „צוגעלייגט" אַ באָרד און אויך די ערשטע אָפּאָזיציאָנערן קעגן הערצל, ווי צ.ב. מ. מ. אוסישקין, מ. בובער, דר. בערנשטיין־כהן. די מיטגלידער פון דער ערשטער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, די ערשטע דירעקטאָרן פון קק"ל, פון דעם „דזשואיש קאָלאָניאל טראסט" א.א.וו. האָבן זיך נישט געטאָרט ווייזן אָן בערד. הערצל איז איבערהויפּט אין דער הינזיכט געווען אייגנאַרטיק. זיינע סעקרעטאַרן — י. שאליט און מ. בערקאָוויטש — זיינע רייזע־באַגלייטער (שנירער, באָדנהיימער, וואָלפזאָן) קיין ארץ ישראל און זיינע פריינד (ל. קעלנער, ה. יאָרקשטיינער, קרעמענעצקי א.א.וו.) האָבן זיך געמוזט „אָנשאַפן" בערד. אַזוי אויך זיינע נישט־יידישע פריינד (הערמאן באהר, רעוו. וו. העכלער, גרויס־הערצאָג פרידריך פון באדען א.א.).

אויך די יידישע קאָלאָניסטן האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון די לאַנגבאָרדיקע ערשטע חלוצים, די בילויים און די חובבי־ציוניסטן.

נאָך הערצל איז דוד וואָלפזאָן געוואָרן פרעזידענט פון דער צ.א. און ער און זיינע פריינד האָבן זיך נאָך געהאלטן אין דער ציוניסטישער טראַדיציע — אין „מאסקירטע בערד". שפּעטער איז אין דער הינזיכט געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. איך גיב דאָ אָן איניקע סיבות: דער דריטער פרעזידענט, פראָפ. אָטאָ ווארבורג, האָט נישט געהאט קיין באָרד און די פרוון פון די שפּעטערע פרעזידענטן נ. סאָקאָלאָוו און ח. וויצמאן איינצופירן אַ „קאָמפּראָמיס־באָרד", זענען נישט באַזונדערס דערפאָלגרייך געווען. שליסלעך איז געקומען דער קריג מיט זיינע אויסווירקונגען און די אגודת־ישראל מיט איר האַספּולער פּאָליטיק. אַ ציוניסט האָט אויך אויסערלעך געוואָלט אַנדערש אויסזען ווי דער אַנטיציוניסטישער אגודיסט. היינט געפינט ער זיך טאַקע אין אַ „באָרד־קריזיס". וועט דער דאָזיקער קריזיס ווערן שאַרפער, דאַן בלייבט פאַר אַ ציוניסט נאָר דער אויסוועג זיך טאַקע צו לאָזן וואַקסן אַ באָרד . . .

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"
## אבאנירט „לשון און לעבן"



דר. יעקב י. מייטליס

# וועגן שרייבער און ביכער

ש. מיללער און לייב ראַכמאַן

צווישן די ווייניקע ביכער אין יידיש, וואָס איך האָב לעצטנס געלייענט, וואָלט איך וועלן דערמאָנען צוויי. עס זיינען צוויי גוטע ביכער. הגם פאַרשיידן אין טעמפּעראַמענט, סטיל און סוזשעט, איז דער צד השווה פון ביידע, אַז זיי זיינען טיף־דערלעבטע און ערלעך־אָנגעשריבענע ביכער. פון די סאַמע ערשטע זייטלעך, אַז מען נעמט זיך לייענען, פילט מען תיכף, אַז דער מחבר איז אחת בפה ואחת בלב מיט זיין ווערק, אַז ער מיינט דאָס, וואָס ער זאָגט. דערפאַר איז ער אויך באַגלייבט. דער לייענער האָט צו אים פאַרטרויען און איז נישט אַנטוישט.

לאָמיר טאַקע אָנהויבן מיט ש. מיללערן. אַ שאָד באמת, וואָס דער דאָזיקער פיינער קינסטלער איז ווייניק באַקאנט אין אונזערע קאַנטן. אויב עס האָט ווער עס איז געדאַרפט האָבן אַ ראיה, אַז מיללער איז אַ שרייבער פון פאָרמאַט, מיט אַ קינסטלערישער קולטור און טראַדיציע, קומט יעצט זיין נייער ראָמאַן „דור המדבר"[2] און באַשטעטיקט דאָס. עס איז אַ ווערק, וואָס שמעקט מיט אַ סך צייטיקייט און עפּישער רייפקייט. עס איז געוואָרן אויסגעטראָגן און אויסגערייפט אויף די לאַנגע, איינזאַמע וועגן פון דעם מחברס וואַנדערונגען דורכן לעבן, דורך זיינע שווערע נסיונות און ראַנגלענישן, אין זיינע האָפענונגען און אַנטוישונגען.

מיללערס ראָמאַן איז אַ רייף קונסטווערק. עס איז אָנגעשריבן אויפן פאָן פון די טראַגישע איבערלעבענישן פון אַ דור, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם מאַרש צו פרייהייט און זיך צו איר נישט דערשלאָגן. עס איז דער שטורעמדיקער קלימאַט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביים אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט, פון דער רענעסאַנס פון יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק און דעם אויפלעבן פון שפּראַך און קולטור, פון גרויסע האָפענונגען און דערוואַרטונגען, און די אַנטי־קלימאַקס פון די נאָך־רעוואָלוציע יאָרן, מיט ביטערע אַנטוישונגען און צעריסענע אידעאַלן און אַ פשרותדיקער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע. עס איז דער דור, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אַ סך גלויבן און אימפּעט דעם פּראָצעס פון זיין באַפרייונג, וואָס האָט אָבער גיך פאַרטוישט אייביקייטס־אידעאַלן פאַר דעם סיר הבשר (פליישטאָפּ), געבליבן דערפאַר אַ דור המדבר, פון וואַנדערער, פון אומצופרידענע, וואָס האָבן זיך קוים דערשלאָגן ביז צום באַרג נבו . . . זייער אויסגעחלומט לאַנד פון פרייהייט דערזען זיי נאָר פון דערווייטנס. אַהינצו קומען זיי נישט. דאָס איז זייער טראַגעדיע.

אָט אין דעם „שטורעם און דראַנג" פון דער עפּאָכע איז אַריינגעוואַקסן זיין הויפּט־העלד אברהם עפראס. מיללער מאָלט אונז דאָ מיט אַ גענויער האַנט

[2] ש. מילער, „דור המדבר", לאָס אנגעלעס, קאַליפאָרניע 1951.

פון אַ מייסטער און מיט אַ שלל פון קאָלירן אַ הויך־אינטערעסאַנטע תקופה אין יידישן לעבן, מיט אַלע אירע מכשולים און אַנטפּלעקונגען. עס איז אַ תקופה, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט און אויסגעפורעמט אַ דור פרייע יידן, רעוואָלוציאָנערן און בויער. מיט אַ סך איינגעהאַלטענער דראַמאַטישקייט שילדערט אונז מיללער זייער אַנטוויקלונג און גלגולים, זייער עליות און ירידות, דעם דראַנג נאָך גאולה און די דורכפאַלן. ער באַגלייט זיין העלד אברהמן דורך אַלע עטאַפּן פון זיין אַנטוויקלונג. מיר זעען אים אין זיין קינדהייט אין דער אַרימער שטוב ביי זיין מוטער דער אלמנה אויפן דאָרף, און ווידער אין זיינע בילדונגס־און רעוואָלוציאָנערע יאָרן. פּונקט אַזוי ווי אברהם ווערן מיר, די לייענער, ממש פאַרכאַפּט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און פיבער, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע יוגנט פון יענע יאָרן. מיר קעמפן און ליידן צוזאַמען מיט איר. צוזאַמען מיטן העלד גייען מיר אַדורך דורך אַלע קאָנספּיראַטיווע, רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, באַטייליגן זיך אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט, אין די שטרייקן און קאַמפן, און לעבן איבער די שווערע, ביטערע יאָרן פון תפיסה און די אַנטוישונג פון דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע פון 1905 האָט זיך נישט איינגעגעבן. אַ צעטרעטענע, אַ פאַרשוועכטע ליגט זי יעצט אויפן באָדן און נעבן איר אַ יוגנט אַ געשענדעטע, אַ פאַרצווייפלטע. אַלע אידעאַלן ווערן מיט אַמאָל צעריבן און די מענטשן אויסגעניכטערטע. די הייסע, איבערגעגעבענע קעמפער פון נעכטן ווערן ציניש, אָן אַ לעבנס־אינהאַלט. מען וואַרפט גיך פון זיך אַראָפּ דעם מאַנטל פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק און מען ווערט פּראַקטיקער, בעלי־תכלית. מען פּאַסט זיך צו צום לעבן. מען ווערט סוחרים, קרעמער, באַלעבאַטישע מענטשן: קלוג, פלינק און רירעוודיק. אַמאָליקע אידעאַליסטן ווערן באַגראָבן „אונטער אַ באַרג באַלעבאַטישקייט".

ווער עס קען וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע, אין דאָס לאַנד פון די גאָלדענע גליקן. עס איז אַן אַנטי־קלימאַקס. מען ווערט אַלרייטניקעס . . . אַמאָליקע ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערן זיינען געוואָרן קלוגע קרעמער, וואָס גייען אפילו אין שול אַריין. געלינגט עס מיללערן אויפצודעקן די גאַנצע פאַלשקייט פון לעבן, זיין צביעות און קולטורלאָזיקייט. די מענטשן זיינען זיך נאָר אויסן אָפּצונאַרן, מען מיינט גאָרנישט ערנסט. פון די אַמאָליקע אידעאַלן און האָפענונגען איז געוואָרן אַ תל.

אברהם קען מיט דעם סאָרט לעבן קיין שלום נישט מאַכן. ער געהערט צו די ווייניקע, וואָס אין אַזאַ גייסטיקער סיטואַציע מוזן זיי בלייבן זיך, זייערע אַלטע אידעאַלן געטריי. ער קען נישט מיטשווימען מיטן שטראָם. עס איז אַמעריקע אין איר גאַנצער באַנאַליטעט, וואָכנדיקייט און גראָבקייט. אַלץ איז ווולגאַר פריי, אָבער אמתע פרייהייט איז דאָס נישט. לעבט ער טאַקע, אברהם, אין זיין אייגן וועלטל, אין דער וועלט פון זיינע אַמאָליקע האָפענונגען. עס איז זיין פאַרלוירענער גן־עדן. דאָרט אַהין פאַרקריכט ער זיך אין זיין מן המיצד.



אין זיין חלום קערט ער זיך צוריק אין זיין דערפל, באָדט זיך אין טייך, און לעבט איבער מיט גרויס בענקנדיקער אינטענסיטעט די ליבע סצענע אויפן פאָלוואַרק מיט דער יונגער, שיינער רוסיאַ . . .

אברהם עפראָס איז לויט זיינע אייגנשאַפטן, טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער אַ מענטש פון דעם דור המדבר. ער איז אַ פרעמדער אויף דער נייער, אַמעריקאַנער ערד. זיין באַפרייונג איז נאָך נישט געקומען. דאָס איז אַ פרייהייט, וואָס קומט פון אינעווייניק, אַ מאָראַלישע, און האָט דערפאַר אַ קנאַפּע שייכות מיט יענער באַפרייונג, וואָס קומט פון דרויסן, וואָס איז אַ מעכאַנישע און אַ ווולגאַרע. ווי קען ער זיין פריי, אַז די וועלט איז נישט פריי? אַ לאַנגן וועג איז ער געגאַנגען. זיין גאַנג דורך די מדבר איז נאָך נישט פאַרענדיקט. קוים זיך דערשלאָגן צום באַרג נבו. ווייטער דערגייט ער נישט. אָבער אין דער שקיעה פון זיין יונגן לעבן דערזעט אברהם ווי אַ סימבאָל די מאָרגן־רויט פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1917, וואָס האָט דעמאָלט אַזוי געוואַרימט און מיט האָפענונג אָנגעפילט די הערצער פון אַלעמען. אויף זיין טויטן־בעט דערגייט צו אים אויך דער אָנזאָג פון מדינת ישראל, אין דער היסטאָרישער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס זיינען, דוכט זיך וויל מיללער אויספירן, די צוויי פאָליוסן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַזוי דינאַמיש באַוועגט דאָס לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ אויפן שוועל פון 20טן יאָרהונדערט, פול מיט קאַמף פאַר וועלט־באַפרייונג און פאַר יידישער אויפלעבונג.

אַן ענגלישער קריטיקער האָט אַנומלט באַמערקט, אַז אין אַ גוט בוך מוז זיך פילן די אויטאָריטעט פון שרייבער. אין זיין „דור המדבר" פילט מען כסדר מיללערס שרייבערישע פערזענלעכקייט. ער רעדט מיט אויטאָריטעט וועגן דעם דור און די געשעענישן, און איז דערפאַר באַגלייבט. ער חנדלט זיך נישט, אש זרה וואַרימט אים נישט. דערצו איז ער אַ צו ערנסטער און סאָלידער שרייבער. דער שטאָף, זיינע העלדן, — אַלץ איז פאַר אים בלוטיק ערנסט. דאָס פילט אויך דער לייענער און גלייבט אים. לייענער און שרייבער ווערן אויף אַזאַ אופן איינס.

דער „דור המדבר" פאַרמאָגט אַ סך עפּישע רו און קינסטלערישע רייפקייט. מיללער איז אַ נאַטוראַליסט. ער איז דיסציפּלינירט און איינגעהאַלטן אין זיינע שילדערונגען, אפילו אין די סאַמע דראַמאַטישע מאָמענטן. ער באַווייזט זיך טאַקע אַלס אַ מייסטער אין בייקומען און באַהערשן דעם שטאָף, אין זיין אויספורעמונג און סטיליזאַציע. אפשר ליידט גאָר דער ראָמאַן, וואָלט איך געזאָגט, אַביסל צופיל פון סטיליזאַציע.

ווי אין אַלע קונסט־ווערק, איז אויך אין דעם ספור המעשה פאַרוועבט און איינגעשפּינט אַ שטיק פערזענלעך לעבן פון מחבר. אַנישט וואָלט דאָס נישט געווירקט אַזוי עכט און איבערצייגנדיק. מיללער דאַרף נישט אָנקומען צו שעפּן מכלי שני, פון ווייטע, פרעמדע קוואַלן. די וועלט פון זיין העלד, די ראַנגלענישן און גלגולים, די עליות און ירידות, אָט דאָס אַלץ פליסט פון זיין אייגן לעבן, פון דעם סאַמע פינטל פון דערלעבטן, און דאָס איז אפשר די גרעסטע מעלה

פון דעם ווערק. עס איז סוף כל סוף די טראַגעדיע פון דעם זוכנדיקן, אומצופרידענעם, אידעישן מענטש, וואָס קען נישט שלום מאַכן מיטן פּראַקטישן לעבן, מיט דער גרויער וואָכנדיקייט, בלאנקעט ער אַרום אַ לעבן לאַנג און גייט אונטער. איז דאָס סימבאָליש געווען פאַר דעם דור?

* * *

לייב ראַכמאַנס „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן״[3] איז נישט קיין ראָמאַן און נישט קיין דערציילונג, נאָר אַ טאָג־בוך, וואָס ראַכמאַן האָט געפירט אין די ווייסטע יאָרן 1943־44, זייענדיק אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים. דאָרט רעגיסטרירט ער מיט אַ זעלטענער גענויקייט און פיינלעכער זאַכלעכקייט, וואָס קילט דאָס בלוט און רייסט אויף פרישע ווונדן, דעם שוידער און די פּחדים פון די איבערלעבענישן פון דער גרופּע באַהאַלטענע יידן ביים פּויער אויפן בוידעם. עס איז אַ רעפּאָרטאַזש מיט אַ סך וויי־און אויסגיי־שטימונג. בעת דו לייענסט די שורות, ביסטו אַ לעבעדיקער עדות פון דער מאַרטיראָלאָגיע פון פאָלק, דו פילסט, ווי דאָס בלוט ווערט אָפּגעצאַפּט און פליסט אָפּ פון יידישן קערפּער, ווי אַ פאָלק ווערט אומברחמנותדיק טעגלעך און יעדע שעה אויסגעקוילעט,— און דאָ צווישן טויט און לעבן ליגן באַהאַלטן אין אימה און פּחד ברעקעלעך, רעשטלעך פון דער גרויסער שריפה, וואָס לעבן איבער יעדן טאָג, הונדערטפאַך, טויזנטפאַך די קוואַל, די גאַנצע אַגאָניע פון דעם גרויסן פאַרגיין.

בעצם איז דאָס אַן אימהדיק בוך, אָבער טיף איז אין אים באַהאַלטן אַ גרויסער גלויבן און אַ סך האָפענונג. עס איז דער אייביקער ידישער, אויב מען וויל, אין גאָט פאַראַנקערטער בטחון, וואָס האָט אין אַן עת צרה געשטאַרקט דאָס פאָלק און עס נישט געלאָזט אונטערגיין. דער „הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל״ (עס דרעמלט נישט און עס שלאָפט נישט דער שומר פון ישראל) איז געוואָרן אַ טעגלעכער מאָטאָ פון אָט די מענטשן, אויסבאַהאַלטענע ביים פּויער אויפן דאָרף, האָבן צען מאָל אַ טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע איבערגעלעבט נישט נאָר די טויט־שרעק פון זייער לעבן נאָר די טאָטאַלע פאַרלענדונג פון פאָלק. פונדעסטוועגן האָט אָט דער פּסוק ווי אַ שטענדיקער מאָטאָ באַגלייט די בלעטלעך פון דעם טאָג־בוך, וואָס ראַכמאַן האָט געשריבן אין זיין באַהעלטעניש אין משך פון לאַנגע יסורים־דיקע וואָכן און חדשים, טעג פון פאַרצווייפלונג און פּיין, פון אימה און אויסגיין.

ראַכמאַנס ווערק איז נישט קיין קונסט־ווערק אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. דאָס וויל עס גאָרנישט זיין. אָבער אַלס אַ באַריכט איז עס זויבער, איינגעהאַלטן, אויטענטיש און מיט אַן אימהדיקער זאַכלעכקייט. ראַכמאַן קען שרייבן, ברויך ער נישט אַנצוקומען צו ביליקע מיטלען, צו פאַלשע עפעקטן. ער צעיאַכמערט זיך נישט, ער צעשרייט זיך נישט. ער איז רויק, וויניקסטנס אויבנאויפיק, אָבער אונטער דער דעק פילט מען, ווי אַ פייער ברענט אין זיינע איינגעווייד, ווי עס שרייט אין די טיפענישן פון זיין נשמה, אָבער שאַ־שטיל,

[3] לייב ראַכמאַן, „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן״, פּאַריז 1949.



קיינער זאָל נישט הערן.

זיינע שילדערונגען זיינען גענוי, אָפט מיט אַ נאַטוראַליסטישער באַפאַרבונג. ער שוינט זיך נישט, שוינט אונז נישט. ער דערציילט אַלץ, דערביי אָבער שטילינקערהייט, שטאַרק אינטים מיט אַ פּערזענלעכער נאָטע, ממש ווי איינער וויל זיך אַראָפּריידן פון האַרץ. ליטעראַטור צו שאַפן איז ער ווי עפּעס גאָרנישט אויסן געווען, און דאָס איז אגב די גרויסע מעלה פון זיין בוך, דערפאַר איז עס טאַקע אַזאַ געלונגען בוך, אַזוי צאַרט און פריש און אַזוי ממעמקים־דיק ליריש. דווקא זיינע שטילע, נאָגנדיקע ווערטער פאַרטויבן די חושים, פאַרפינצטערן די אויגן און רייסן אויף נייע ווונדן.

אָפט פרעגט מען זיך, ווי האָבן באַהאַלטענע יידן, איינזאַמע, צום טויט געסטעמפּלטע, אַרומגערינגלט פון אַ ים פון שנאה, געהאַט באמת דעם כח איבערצוקומען די טעגלעכע, שעהדיקע שענדונגען און קרייצונגען, פון וואַנען האָט מען גענומען דעם ווילן צו וועלן לעבן אונטער אַזעלכע שווערע פיזישע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען? זעט זיך אויס, אַז אין צייטן פון זעלישער נויט, אונטער דער שטענדיקער סכנה פון טויט, ווערט דער חוש צום לעבן שאַרפער, דער דראַנג צום לעבן גרעסער, טיפער און וויטאַלער. דעמאָלט וואַקסן דעם מענטש אַרויס נייע, אומדערשעפּלעכע כחות, וואָס באַפעלן אים אויסצוהאַלטן, זיך צו שטאַרקן און קודם כל וועלן לעבן. ראַכמאַן שעמט זיך נישט מודה צו זיין אין דעם ממש אייזערנעם ווילן זיך צו קלאַמערן צום לעבן, וואָס האָט זיי אַלעמען באַהערשט אין דעם ים פון פּיין און פאַרניכטונג. מען האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. מיט אַלע כחות האָט מען טעגלעך געזוכט נייע פאָרטלען, נייע מיטלען, ווי דאָס דאָזיקע ווייסטע ביסל לעבן צו דערהאַלטן.

ראַכמאַנס ווערטער דערמאָנען, מאָנען און פאַרלאַנגען אַ חשבון הנפש. עס איז דער חשבון הנפש מיט זיך און מיט דער וועלט. ווי אַזוי האָט אַ וועלט אויף איינמאָל געקאָנט ווערן אַזוי אכזריותדיק און מאָרדן אַ גאַנץ פאָלק, אַזוי זינלאָז, אַזוי ציללאָז, אַזוי אָן גאָט אין האַרצן? ווי אַזוי האָט אַ וועלט געקאָנט צוקוקן צו דעם בלוטיגן ספּעקטאַקל און שווייגן, און היינט, נאָך עטלעכע ווייניקע יאָרן אָן דעם אַלעם פאַרגעסן און זיך מיט די מערדער פאַרברידערן?

ראַכמאַנס רייד, יעדע שורה זיינע ברענט ווי אַ פייער. עס פלאַמט דאָס פּנים פאַר צער און יסורים, פון בושה און הילפלאָזיקייט. עס איז גוט, וואָס ראכמאַן האָט דאָס אַלץ אויפגעשריבן, וואָס ער האָט אויפגעצייכנט יעטוועדע קלייניקייט, יעדע באַוועגונג פון געמיט, פּחד און האָפענונג, קאַמף פאַרן לעבן און מורא פאַרן טויט. זאָלן קומענדיקע דורות וויסן, זאָלן זיי אַנען אָט דעם תהומלאָזן צער פון אַ קליינע גרופּע אויסבאַהאַלטענע יידן, וואָס האָט געלעבט אין לעכער ווי די מייז, אין שטענדיקער אימה, און איז אַן עדות ווי דאָס פאָלק ווערט אויסגעמאָרדעט, ווי איינער נאָכן אַנדערן גייט אַוועק פון זיי, און זיי, די איבערגעבליבענע פילן די מוראדיקע איינזאַמקייט, זייענדיק אַרומגערינגלט פון אַ וועלט פון שונאים, וואָס קוקן אַרויס אויף יעדן לעבעדיקן ייד, באַדיי כּין אים אַראָפּצוציען די פּאָר שטיוול, איידער מען דערהרגעט אים.

אָט די שטימונג רעפּלעקטירט ראַכמאַן אַמאָל אַ שבת פאַרנאַכט, אין דער צייט פון „רעוא דרעוא“, ווען עס איז אַזוי שווער אויפן געמיט, ווען מען פילט זיך אַזוי איינזאַם, פול מיט אַנגסט און סכנות־נפשות שטימונג. ווי ווונדערלעך סובלימירט ווערט אָבער אָט די שטימונג אין אַ געפיל פון הוילער לויטערקייט און דערהויבנקייט, אין אַ דבקות און אַ מתייחד זיין זיך מיטן בורא עולם, וואָס גרעניצט ממש מיט כלות הנפש און ווו אלדאָס לייד און אַלדי יסורים פאַרלירן זייער זין און שאַרפקייט. „... אין דרויסן דעמערט. שאָטנס שלינגען איין דעם אַרום און מיר זיצן צוזאַמענגעטוליעט: ׳כי נפשו חולת אהבתך׳ ... מיר זענען דאָך איצט צווישן די איינציקע יידן. עס זענען דאָך שוין מער נישטאָ די יידן, וואָס האָבן אין שבתדיקן בין השמשות זיך איבערגעגאָסן אין לויטערער באַהעפטונג ... שפּעטער, ווען עס ווערט שטאָק פינסטער, ווינטשן מיר זיך: אַ גוטע וואָך, אַ לעבעדיקע וואָך, אָ, אַ לעבעדיקע וואָך!“ (ז. 114).

ראַכמאַן איז אַ גוטער באַאָבאַכטער. ער לעבט צווישן פּויערים, קוקט זיך צו דורך אַ שפּעלטל פון זיין באַהעלטעניש צו זייער שטייגער־לעבן, צו זייער כיטרעקייט און גראָבקייט, עם־הארצות און זאָבאָבאַנעס, צו זייערע תאוות און קריגערייען, צו זייער ענגן וועלט־אויסקוק און שנאה, גניבה און גזילה. הערן מיר אָפּט פון פּויערים, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג, טראָגן זיידענע וועש, פּוטערס, האָבן גאָלד און זילבער לרוב, אַלץ פון יידישער גזילה. אָבער זיי האָבן אַלץ נאָך נישט גענוג. יעדער נייער ייד, וואָס זיי אַנטדעקן אין די וועלדער אָדער אין די בונקערס איז פאַר זיי אַ געווינס, אַ געווינס פאַר זייער אומדערזעטלעכער בלוטדורשטיקייט און געלד כיטרעקייט. זיי, די מאָדערנע יודאַסן זענען אימשטאַנד פאַר אַ זילבערל צו פאַרקויפן נישט נאָר איין קריסטוס, נאָר אַפילו צען ווי אים.

הערן מיר ווי דאָס פּראָסטע פאָלק איז אָנגעשטעקט מיט שנאה צו יידן, ווי עס וויל אַלץ מער ראַבעווען, אַלץ מער בלוט פאַרגיסן, אפשר נישט אַזוי ווייט צוליב מאָרד ווי צוליב גזילה. אין דער שטאָדט גייט אָן אַ כסדרדיקע העצע אקעגן די פאָר ווייניקע, אָרענטלעכע גוים, וואָס באַהאַלטן אויס יידן. רופן די צייטונגען אַרויסצוגעבן די יידן, שרייבן חוצפּהדיקע לייענער אין דער פּרעסע, אז עס איז אַ מצוה פּטור צו ווערן פון יידן. אויב מען באַהאַלט אויס אַ ייד, ווערט מען פאַרדאַמט אלס אַ פאַררעטער אין פּוילישן פאָלק. לעבן יידן ערגער ווי פאַרפאָלגטע חיות. עס איז אַ לעבן אָן דין און אָן רחמים.

ווי גרויזאַם איז למשל די אַרגיע פון די פּויערים מיט דער טויטער פּרוי מאַשקאָווע, וואָס ראַכמאַן דערציילט אונדז אַזוי צניעותדיק און דערביי אַזוי אָנקלאָגנדיק אויף ז. 125. אַפילו ביים קובר זיין האָט מען יידן געשענדעט! קען נאָך זיין עפּעס אַ גרעסערע שענדונג פון דעם צלם אלקים? מיר יידן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל פּיעטעט אַפילו לגבי אַ געטויטן פאַרברעכער (דער פּסוק זאָגט אונדז גאַנץ דייטלעך: לא תלין את נבלתו, זיין קערפּער זאָל נישט בלייבן הענגען איבער נאַכט אויף דער תליה), זיינען געוואָרן טויזנט מאָל אַ טאָג געקרייציקט און געשענדעט, סיי ביים לעבן און סיי נאָכן טויט!



ראַכמאַנס בוך וועקט אין אונדז געפילן פון חרפּה און פּיין, פון נקמה און טרויער. מען לעבט נאָכאַממאָל איבער די אַלע גרויזאַמקייטן און די אונמענטשלעכעליידן. דער אָטעמבב לייבט שטיין שטיל און דאָס הארץ פאַרגייט אין אַ טיפן ווייטיק. עס איז אַ טיפער אויסגעשריי פון דער געשענדעטער, בעסטיאַליש־געקרייציקטער נשמה אין אונדז. עס הייסט נישט פאַרגעסן. נישט פאַרגעסן די שאנד און נישט פאַרגעסן די ליידן.

ראַכמאַנס „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן“ איז אַן ערלעך בוך, עס איז אַ גוט בוך. עס איז אָנגעשריבן מיטן בלוט פון דער אייגענער פּיין.

---

## אליהו פאלושאק

# דריי שטעט, פינף ביכער

(המשך)

### פּאַריז

פּאַריז די שטאָט פון ליכט.
פּאַריז די שטאָט פון פרייהייט.

פּאַריז! אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערט איז פּאריז געווען די הויפּטשטאָט פונם גייסטיקן אייראָפּע. אַזוי ווי אין דער אנטיקער צייט האָבן „אַלע וועגן געפירט קיין רוים“, האָבן אין דער מאָדערנער צייט אַלע וועגן געפירט קיין פּאַריז. אין פּאריז האָבן געהויזט דאָס הארץ, דאָס געפיל, די נשמה פון פראַנקרייך. איז פּאריז געווען פריי, איז גאַנץ פראַנקרייך געווען פריי. איז פּאַריז געווען אונטעריאָכט, איז גאַנץ פראַנקרייך געווען אונטעריאָכט, איז גאַנץ אייראָפּע געווען אונטעריאָכט.

דריי הויפּט־שטעט זענען עס געווען, וואָס האָבן בולט און אָפן אַרויסגעוויזן זייער אייפערזוכט קעגנאיבער פּאריז: רוים האָט זיך געגרויסט מיט איר אלטן יחוס און דעם וואַטיקאַן. לאָנדאָן — מיט איר סוחרישער קלוגקייט און די וואַסער־וועגן, וואָס פירן צו אלע זיבן ימים, און די אויפגעקומענע גבורה׳טע אין די בראַנדענבורגישע זאַמד־פּושקעס, בערלין, האָט נישט פאַרגונען פּאַריז איר הארץ, נשמה, ליכט און פרייגייסטיקייט. בערלין האָט דריי מאָל אינם לעצטן יאָרהונדערט געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצוגיין אינם אָפענעם קאַמף קעגן פראַנקרייך און פּאַריז.

און יעדעס מאָל, ווען דאָס איז געשייען, האָט די גאַנצע פרייע וועלט זיך געפילט, אָנגעגריפן. אַ פריי און פרייגייסטיק פראַנקרייך איז אַן אייביקע גאַראַנטיע פאַר אַ פרייען אייראָפּע. אַ פראַנקרייך געשמידט אין קייטן, אַ פּאַריז אונטער אַ פרעמדן יאָך הייסט אַ גאַנצן וועלט־טייל אריינגעוואָרפן אין פינצטערניש, געשמידט אין קייטן, אין אַ שעה פון בין השמשות.

ס׳איז „די שעה פון בין־השמשות“, דערציילונג פון די אָקופּאַציע־יאָרן פון י. פינער, דערשינען היי־יאָר אין פאַרלאַג „אויפסניי“, פּאַריז.

פינער הויבט אָן זיין דערציילונג מיט דעם אָנהויב פון דער מלחמה, ווען פראַנקרייך נעמט זיך מאָביליזירן די ערשטע רעזערוון און אזעלכע, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט געדינט אין דער פראַנצויזישער ארמיי. און מיר טרעפן צווישן זיי אונזערע היימישע ייִנגעלעך פון די היימישע שטעט און שטעטעלעך, וועמען די בייזע שטיף־מאַמע פוילן האָט אַרויסגעשטויסן מיט זייערע פאַמיליעס: טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער, און זיי האָבן זיך באַזעצט אין פראַנקרייך, הויפּטזעכלעך אין פאריז, דער נייער שטיפמאַמע. ס'איז נישט מער דאָס פאריז פון אמאָל; פאַריז, די שטאָט פון ליכט און פרייהייט איז געוואָרן אַ יורדת, דעגענערירט. דער שונא פון יענער זייט רהיין, דער גערמאנישער בייזער וואָלף מיטן פארקריפלטן צלם, האָט קארומפירט דאָס אַמאָל שטאָלצע פראַנקרייך, דאָס גייסטיקע טאָלעראַנטע פאַריז. אַ מיאוסער וואָרעם פון צעשטערונג האָט זיך אין דער פאָרם פון אַ פינפטער קאָלאָנע אַריינגעגנבעט אינם גוף פונם פראנצויזישן פאָלק און געטאָן זיין מיאוסע אַרבייט לטובות די כחות פון מאכט און פינצטערניש.

יאָ, דער גערמאנישער וואָלף האָט אַריינגעבראכט אַ גרויסע צעמישונג אין די מחנות פון פאָלק פון פאריז און פראנקרייך. ווען נאָך דער „קאָמישער מלחמה“ ס'איז געקומען היטלערס בליץ־מארש, האָט אויפגעהערט יעדע דעמארקאציע פון פראָנט־ליניעס און קאמף־זאָנעס. הינטערלאנד און פראָנט — אַלץ איז געווען אויסגעמישט. אַרמיי, פאָלק, ציוויל־פארוואלטונג — אַלץ איז געוואָרן דעסאָרגאַניזירט, דעסאינטעגרירט. מענטשן, אַרמיי־גרופּעס און גרופּקעלעך זענען געלאָפן פון מזרח נאָך מערב, פון מערב נאָך מזרח. אַלע זענען אנטלאָפן פון שונא, און קיינער האָט מיט באַשטימטקייט נישט געקענט זאָגן, ווו ער איז און ווו ער איז נישט.

אַלע זענען געלאָפן „אויף די וועגן פון פראַנקרייך“. „נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָט זיך געהאט אָנגעהויבן דער יציאת פּאריז. אלע אויטאָמאָבילן, אַלע וועגענער, אַלע האַנט־וועגעלעך, זיינען אָנגעלאָדן געוואָרן. זיי האָבן פארשטאָפּט די גאסן און די הויפּט־אַרטעריעס פון דער שטאָט, וואָס האָבן געפירט צום דרום. מען איז געלאָפן ווי פון אַ ווולקאַן־אויסברוך“.

„מען האָט געוואָלט דערכאפּן דעם ים, די בערג, וואָס ווייטער אַוועק פון די הונען־מחנות. מער ווי אלע זענען געלאָפן יידן. די וואָקזאַלן זענען געווען באַלאַגערט. די לופט איז געווען געדיכט פון געוואַלטן און פון ליאַרעם“. (קאַפּיטל 6, זייט 34).

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן דאָס לויפן און אנטלויפן. די, וואָס זענען אנטלאָפן פון פאריז, זענען צוריקגעקומען. פאַריז איז געווען אין דייטשע הענט, און פרייע מענטשן האָבן זיך געפונען „אין דער דייטשער פּאַסטקע“.

„לאָמיר צוערשט זען, וואָס פּאַריז זאָגט דערצו. לאָמיר זען, ווי די ברוקן פון פּאַריז רעאַגירן אויפן טראָט פון דייטשע שטיוואַלעס, — אָט די פּאַריזער גאַסן, וואָס האָבן אין לויף פון זייער געשיכטע נישט צום ערשטן מאָל זיך צובונטעוועט קעגן די תלינים, אַלץ איינס, צי די הענקער זענען געווען פרעמדע,



צי אייגענע. זיי האָבן נישט איינמאָל געראַטעוועט די מענטשלעכע ווירדע“. (זייט 36 „די שעה פון בין השמשות“)

די באַרבאַרן טראָגן נאָך דערוויילי זיידענע הענטשקעס, חנפענען זיך צו דער באַפעלקערונג, שמייכלען. די יידישע גאסן ווערן ליידיקער, דער בולוואַר ליידיק, בעלוויל כמעט אָן יידן. ווער פון דער יידישער אינטעליגענץ קען, אנטלויפט. אָבער עס זענען אויך דאָ אָפּטימיסטן, וואָס מיינען, אַז דער שונא וועט דאָ אין פראַנקרייך זיך נישט פארטשעפּן מיט די יידן. פאַריז הויבט זיך אָן צוצוגעווינען צו די דייטשן. אַ טייל יידן קלעטערט אַרויס פון די באַהאַלטענע לעכער. יידישע געשעפטן זענען שוין ווידער אָפן. אָבער באלד האָבן זיך באַוויזן אַנטיסעמיטישע פּלאַקאַטן און פלוגבלעטער, געצייכנט פון די שוואַרץ־מאה'ניקעס פון דאַריאַט'ס חדר. און ווי דער מחבר אַליין זאָגט: „עס איז בין השמשות; אַ שעה, ווען מען דערקענט נישט, לויט דער גמרא, צווישן אַ הונט און אַ וואָלף“.

פון דעם אָנגעפירטן זאָל נישט געדרונגען ווערן, אַז די שעה פון בין השמשות“ פון י. פינער איז אַ רעפּאָרטאַזש־ווערק אָדער סתם כראָניק מיט קאָמענטאַרן פון דער אָקופּאַציע־צייט און דער ווידערשטאַנדס באַוועגונג. ניין, דאָס בוך איז אַ גרויסע נאָוועלע פון איבער 200 זייטן, וואָס נעמט אַרום אויף אַן אינטימן מענטשלעכן אופן לעבן און גורל פון אַ יידישער איינגעוואַנדערטער פאַמיליע פון פוילן: אַ מאַמע מיט אַ זון, אַן אינזשעניער־כעמיקער, און אַן אָנגענומען מיידעלע, אַ קיילעכדיקער יתומה, וואָס וואַקסט אויף צוזאַמען מיט אים, מאָריסן. די מאַמע קוקט אויף משהלען (מאָריס) און דבורהלען, ווי אויף אַ זיווג מן השמים. משהלע דאַרף חתונה האָבן מיט דבורהלען. דער מאַמען גלוסט זיך צו ניאַנטשען אַן אייניקל. די אויסערלעכע געשייענישן פון מלחמה, רדיפות, וואַנדערונגען שטערן זי נישט אין אירע פּלענער. און משהלע, כאָטש ער איז אַ מאָדערנער יונגערמאַן, וועט דאָך די מאַמע נישט באַרויבן פון איר נחת. און דבורהלע — זי איז דאָך אַזאַ שטילינקע, רואיקע, זי קלערט דאָך באַשטימט נישט אנדערש, ווי די מאַמע: אַז משהלע איז איר ריכטיקער זיווג.

אָבער דבורהלע איז גאָרנישט אַזאַ שטילינקע. איינמאָל אין אַן אָוונט דערקלערט זי מאָריסן, אַז זי האָט גאָר ליב אַן אַנדערן (כאָטש ווי זי באַשטעטיקט, האָט זי אים, מאָריסן, אויך ליב), און חוץ דעם, איז זי פון דעם אַנדערן, (אַלבערט, הייסט ער און אַ פאַרהייראַטער דערצו) מעוברת... עס קומט דאָ אַ גאַנצער פּלאָנטער, אָבער די מאַמע ווערט פון דעם נישט געוויר. משהלע, מאָריס הייסט עס, האָט חתונה מיט דבורהלען, און די מאַמע ניאַנטשעט שפּעטער איר „אייניקל“ מיט דער גאַנצער ליבע און איבערגעבנקייט פון אַ יידישער באָבע.

אָט דאָס אלעס שילדערט אונז דער מחבר אין אַ לייכטן פליסנדיקן סטיל. משהלעס חתונה האָבן מיט דבורהלען ווערט נישט דערציילט אין הויך־דראַמאַטישע ווערטער. מען קען גאָרנישט אַרויסגעפינען צי ער באַטראַכט דאָס אַלס קרבן אָדער פליכט. ער איז מענטשלעך גוט צו דבורהלען, אַפילו צום

פרעמדן קינד, כאָטש אינערלעך באַטראַכט ער זיי ביידע, ווי פרעמדע גלידער אַרום זיין לעבן.

עס קומט אָן די צייט, ווען דער גערמאַנישער וואָלף הויבט אָן צו ווייזן זיין אמתן פרצוף. מיט דער הילף פון די קאַלאַבאָראַטאָרן ווערט דאָס נעץ געצויגן אַרום דעם יידישן ישוב פון פאַריז און אַלע אַנדערע גרעסערע יידישע צענטערן. יחידים און גרופּעס, וואָס האָבן שכל און כח און זיינען יונג, הערן אויף געזעצלעך צו עקזיסטירן. מען גייט „אונטערגרונט“.

און ווי עס טרעפט זיך ביי יונגע מענטשן, וואָס קענען זיך אינטים אין די גרעסטע געפאַרן פון קאַמף און ווידערשטאַנד, זעען מיר פאַרוויקלטע דרייעקיקע ליבעס־פאַרהעלטנישן. אָבער די דאָזיקע שטערן נישט קיין סך אין דער האַרמאָניע פון קאַמף קעגן דעם שונא. אַלס קעמפער זיינען זיי אַלע זעלבסט־דיסציפּלינירטע מענטשן מיט גרויסע צילן. זיי קעמפן, ליידן און זיינען גרייט צו ליידן. עטלעכע ווערן פאַרמסרט און פאַרשווינדן... דער קאַמף גייט ווייטער, ביז עס קומט די אויסגעבענקטע שעה, די באַפרייאונג.

איך האָב נישט די כוונה צו ברענגען איינצלהייטן פון די פאַרשידענע העלדן, כאַראַקטערן און סטאַטיסטן, וואָס שפּילן אַ ראָלע אין דעם בוך „די שעה פון בין השמשות“. מיר געפינען דאָרט מאָריס׳עס פראָנט־חבר פּיער וויליע און זיין געליבטע, די מאָלערין מאַרסעל, שוואַכע אָפּאָרטוניסטן, וועלכע גייען בשעת דער אָקופּאַציע איבער צום שונא. מיר געפינען דאָרט אַ קאָמפּליצירטן פרויען־כאַראַקטער דעניז, אַ גוטע חברטע, אַן איבערגעגעבענע קעמפערין, וואָס איז זיך מקריב פאַר דעם אַלגעמיינעם פרייהייטס־אידעאַל און די פיינע, שטילע עכט־פראַנצויזישע פאַרחלומטע ראָמאַנטיקערין וויקטאָריאַ. איך וואָלט באַגאַנגען אַ חטא קעגן דעם מחבר, ווען איך צעפּלאָשע מיך ברייט אין דעם ספור המעשה און זיינע העלדן. דאָס האָט י. פינער אויף אַ גענוגענדן אופן אַליין געטאָן. און דערפאַר קומט אים אַ דאַנק.

אָבער עפּעס מוז דאָ ווערן דערמאָנט, וואָס פּאַסט נישט אַריין אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג אָדער נאָוועלע. אינם קאַפּיטל 17 „דורך דער דעמאַרקאַציע־ליניע“ געפינען מיר אַלגעמיינע כללים, וואָס די רעזיסטאַנס־גרופּע „דעפאַנס דע לא פראַנס“ (פאַרטיידיקונג פון פראַנקרייך) האָט אַרויסגעגעבן פאַר די ווידערשטאַנדס־קעמפער. כאָטש פאָרם איז אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון אַ ליטעראַרישן ווערק, איז זי נישט דער אליינציקער פאַקטאָר. סוזשעט און פאַבולע זיינען דער קאָרפּוס; פאָרם און שיינקייט פון וואָרט — די נשמה. ברענגט מען אַריין אין אַ בעלעטריסטישן ווערק טרוקענע כראָניק, שטערט די דאָזיקע דער האַרמאָניע פון אַן עסטעטישער גאַנצקייט, פון וועלכער דער מחבר האָט אונז באַשטימט נישט געוואָלט באַרויבן.

די זעלבע טרוקענע כללים רעפּראָדוצירט אין דערציילערישער פאָרם (נישט וואָרט־געטריי) וואָלטן ווייניקער געמינערט דעם חן, וואָס באַגלייט די גאַנצע נאָוועלע.

אַלס גאַנצקייט איז דאָס בוך רייך אין מענטשלעכקייט, כאַראַקטער־ריינ־



קייט און אַנטדעקונגען, וועלכע זענען טיפּיש־פאַרבונדן מיטן פראַנצויזישן באָדן, ווו די דערציילונג שפּילט זיך אָפּ. אויך האָט עס די מעלה, אַז עס איז געשריבן מיט פשטות, אָן די אויפגעבלאָזנע פּרעטענזיעס פון מאַנכע אָנהויבערס.

„די שעה פון בין השמשות“ איז י. פינערס ערשטע דערשיינונג אויפן יידישן ביכער־מאַרק. זאָלן זיינע ווייטערדיקע אַרבעטן נישט זיין שלעכטער. בעסער איז נישט קיין שיעור.

(המשך און סוף קומט)

---

יוסף הלל לעווי (לאָנדאָן)

## ש. טענענבוים דער עסייאיסט און נאָוועליסט

אַז ש. טענענבוימס לעצטע שורה פון דעם בוך „די שריפט אויפן האָריזאָנט“ לאָזט זיך אויס, הייבן דיך אָן צו באַפליגלען פאַרשיידענע מחשבות און געפילן, וועלכע ברענגען דיך אַריין אין די ספערן פון פאַטאַליזם און רעליגיאָזיטעט, און דיין נשמה גאַרט אַזוי ווי דעם מחברס—זיך אַרויסצובאַקומען פון די צווייוונדיקע עקסטרעמען, אָבער דו קענסט נישט אַרויס, נאָר דו מוזט זיך מיט זיי צענויפגיסן, און אין זיי אויפגיין . . .

פאַראַנען נאָוועליסטן וואָס זייערע נאָוועלן זענען פאַרזען—מיט פּרינציפּן, טענדענצן און אידייען; די קינסטלערישע קאָנסטרוקציע: ווי סטיל, פאַרב, אַקציע און קאָמפּליקאַציע, זענען נאָר משמש דעם גייסט וואָס דער קינסטלער הויכט איין אין דעם לעבן פון זיינע העלדן. און אומגעקערט גיט עס אויך עסייאיסטן וואָס זייערע פּרינציפּן, טענדענצן און אידייען זענען נאָר באַשאַפן בולטער צו מאַכן זייערע וויזיעס, עמאָציעס, די בילדער און בכלל די מוזיקאַליטעט פון זייער סטיל, דעם קינסטלערישן דערציילן, וואָס איז שוין אַליין אַן ענטדעקונג און אַ צוועק פאַר זיך . . . ווי למשל דער טראַגיש זשעניאַלער סטעפאַן צווייג, וואָס זיין נאָוועלע האָט אָפט געהאַט די אייגנשאַפט זיך אויסצעוואַקסן צו דער וואונדערבאַרסטער עסיי; און זיין עסיי צו דער פּראַכטפולסטער נאָוועלע . . .

דער גרויסער איראָפּעער איז פשוט ווי באַזעסן געווען פון דעם דראַנג דעם אימפּרעסיאָניזם און עקספּרעסיאָניזם אַזוי צו געשטאַלטיקן דורך אַ מין מוזיקאַלישער האַרמאָניע וואָס זאָל זיין ביכולת אויפצעוויקלען די פאַרוויקלטסטע מענטשלעכע געפילן און גייסטיקע סתירות. דאָס פאַרבאָרגנסטע אונטערן זונענליכט, ענלעך ווי סטעפאַן צווייג, וואַנדערט אויך אויף די וועגן און אומוועגן פון גייסט און געפיל (להבדיל בין החיים) ש. טענענבוים.

אָבער בעת ס. צווייג זוכט אין יעדן אינדיווידיום דאָס אוניווערסאַליסטישע, זוכט ש. טענענבוים אין יעדן אוניווערסאַלן דאָס יידישע . . .

ווייל ער האָט דערזען אין דעם גרויסן יידישן אוניווערסאַליזם פון „אנכי" דעם גאַנצן אוניווערסאַליזם . . . און מיט דעם דאָזיקן בליק דערזעט ער זיך דעם צווייטן און דעם גאַנצן אַרום . . .

ליטעראַטור, זאָגט ש. טענענבוים אין זיין עסיי „דאָס וואָרט־אַטאָם פון וועלט־באַשאַף", איז נישט פאַרווייַלונג, נאָר קאָסמישע טאַט . . .

און טענענבוים פאַרלאַנגט טאַקע פון דעם עם הספר נישט נאָר צו לייענען דאָס ספר, מחמת לייענען, זאָגט ער, איז אַ פאַראַט צו טויזנטער ביכער. ספרים זענען נישט צו אַמוזירן זיך, צו פאַראַטן, צו לערנען שלעכטס, זיך אָפּצעלערנען פאַלשקייט, חניפה, שווינדל און געפערלעכע חכמה . . .

אין דעם ים פון ביכער האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט אויבערפלעכלעך צו לייענען, אָבער לייענען איז פאַראַט, לייכטזיניקייט, אַלץ—אפילו ליבע, געשלעכט, איז געוואָרן פאַראַט, לייכטזין און גענוס . . .

אָבער אין יענע בראשיתדיקע טעג איז ליבע געווען די באַשאַפונג פון דורות . . . אדם האָט באַשאַפן די גאַנצע מענטשהייט ביים באַשלאָפן חוהן אונטער טויזנטער הימלישע שטערן. דערפאַר זאָגט טענענבוים: „נעם דאָס ספר אריין אין דיר, וויג עס מיט דיין בלוט און פייער, צינד עס אָן אין דיר ווי אַ פלאַם. גיי און רייד, גיי און מאַך געשיכטע! ווייל ליטעראַטור איז נישט פאַרצווייפלונג, נאָר קאָסמישע טאַט" . . .

דאָס זענען טיף ערליך אַדורכגעווייטיקטע דערקענטענישן פון אַן איינזאַמען זון פון אַ אויסגעהרגעט פאָלק, וואָס האָט דער וועלט דאָס הייליקסטע בוך פון אַלע ביכער, די תורה, געגעבען! וועלכע די אומות העולם האָבן נישט געוואָלט אָנעמען און די וועלכע האָבן זיי שפּעטער שוין יאָ אָנגענומען האָבן זיי זי נאָר פאַרדרייט, און אָנגענומען אויסצעלערנען זיך דאָס נאָכמאַכן פון ביכער צום גענוס, פאַרווילן, צום לייכטזין און פאַראַט. דערפאַר איז געוואָרן אַנטווירדיקט דאָס בוך, און דער מענטש וואָס האָט דאָס בוך באַשאַפן. און פון די אַלע פסולה ספרים האָט דער פרא אדם זיך נאָר אויסגעלערנט, אין נאָמען פון גאָט און כלומרשט הייליקע אידעאַלן צו הרגענען דעם מענטשן און צו באַשמוצן דעם העכסטן אידעאַל—דאָס מענטשלעכע לעבן! . . .

ווי שוין פריער באַמערקט, געניסן מיר אין ש. טענענבוימס עסייען נישט נאָר אַליין פון זיין „זאָגן," נאָר מינדסטנס אויך אַזויפיל פון דעם אופן וויאַזוי ער זאָגט עס . . . און דער זעלביקער פּראָצעס איז אויך פאַרקערט ביי זיינע נאָוועלן . . .

עס איז דאָ נישט מעגלעך צו געבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג איבער זיי, נאָר אייניקעס מוז יאָ אומבאַדינקט באַמערקט ווערן: די דערציילונגען „יהודה דער זון פון יעקב", „שאול המלך און די כשופמאַכערין", „דאָס שטאַרבן פון אַ קיסר", זענען באמת קלאַסיש, און מען ווערט פשוט פאַסצינירט פון זייער פאַרבנרייכקייט, און דער טיפער עמאָציעלישקייט וואָס גיסט זיך מוזיקאַליש צענויף — מיט דער רייכער געדאַנקלעכקייט...

אין ש. טענענבוימס דערציילונגען הערן דאָס רוב אויף צו עקזיסטירן



פאַר דיר: דער עבר הוה און עתיד. אָדער דו ווערסט איין שטיק פאַרגאַנגענהייט, — אָדער די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט ווערן איין שטיק געגנוואַרט פון דיר... און פון די דריי אומפאַרגענגלעכע גיגאַנטן — ווערסטו פאַרגענגלעכער בן אדם אַרומגערינגלט, און נישטאָ קיין אַנטרונען פון דיר, ביז דו ווערסט ווי דער מאַכטיקסטער פעלדזן — מיט די קלענסטע רעגנטראָפּנס פון דער צייט, אַזוי אויסגעהוילט אַז דו ווערסט צעשפּאָלטן און צעשיטסט זיך... איז, אָדער דו גייסט אויף אין דער שרעק פון טויט, —אָדער אין דער האַרמאָניע פון אייביקייט...

אין טענענבוימס שאַפן איז פאַראַן אויסדרוק פונם יחיד, כלל און דעם אַרום... ער האָט ליב צו פילאָזאָפירן און מעדיטירן, אָבער זיין פילאָזאָפיע איז נישט קיין עקסטרעמע, — וואָס זאָל אויסן זיין צו זשאָנגלירן מיט נייע אַנטדעקונגען פון פאַרשיידענע ריכטונגען, ליניעס, אָדער אנשויאונגען נייערט אַ האַרצפילאָזאָפיע ענלעך ווי די ניטשאַניסטישע: אין וועלכער האַרץ און גייסט גייען אין פאַראַלעל...

און דאָמינירנדיק אין זיין שאַפן איז נישט דער שרעק פאַרן אונטערגאַנג, הגם זייענדיק אַן איינזאַמער זון פון אַן אונטערגעגאַנגענעם פאָלק, — וואָס האָט דעם גאַנצן שוידער, שמערץ און דעם שרעק פון אונטערגאַנג ווי די אַלע פאַרמשפּטע מאַרטירער פון אונז — געהאַט מיטצווייטיקן און מיט אומצוקומען. האָט ער זיך פאָרט נישט געלאָזן פאַנגען פון דעם טויט־אַנגסט נאָר געקוקט אויף דער טראַגישער אומפאַרמיידלעכקייט, — ווי אויף אַ זון — אויף־און אונטערגאַנג...

און נאָך דער גאַנצער שפּלותדיקער מיזערע איז אים פאַרבליבן — ווי נאָך אַ פאַלנדיקן מעטעאָר אַ זילבערשטרייף פון ליכט...

און עס איז געוואָרן זיין לעבנס קאָמפּאַס נישט דער טויטשרעק נייערט די שמערצלעכע רירונג פון אונטערגאַנג... און נישט נאָר אַליין דער צער פון אַלע בעלי־חיים, נאָר אויך פון די דוממים און צמחים באַוועגט און רירט אים.

באַזונדערס גערירט ווערט ער אָבער בעת די נאַטור נעמט בייטן די דעקאָראַציעס: פון פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער; און ווי אַ בלעטל פונם לעבנסבוים וואָס דער שטורמווינט טרייסלט אויף, פילט ער צער ווען ער זעט ווי אַלע בלעטער וועלקן און פאַלן אָפּ. און אויף זייערע רואינען ווערן געבוירן: נייע פרישע בליטן וואָס וועלן מוזן ווידער בליען און פאַרוועלקן... דאָס איז דער אייביק ביאָלאָגישער רעצל, — דאָס כשופראָד פון לעבן אין וועלכן יעדער וויל זיך געפינען, און ווען ער קומט דערין אַריין זעט ער ערשט ווי נישטיק דאָס איז, און קען אָבער שוין קיינמאָל מער דערפון נישט אַרויס אַזוי ווי ער איז אַריין...

כאַראַקטעריסטיש איז אויך וואָס דער דאָזיקער צער איז ביי אים גורם ווי ביי יעדע טיפע און קאָמפּליטירטע נאַטור, — די גרויסע בענקשאַפט נאָך איינזאַמקייט, וואָס ברענגט גלייכצייטיק מיט זיך די לירישע פאַרזונקנקייט וועלכע וועבט זיך צענויף מיט דער שטילע אייביקייט — וואָס לאָקערט אַלעם

LOSHN UN LEBN LIBRARY
1 ST. NO
Date sent:
Cl. Mark
AUTHOR

צו פֿאַרשלינג [illegible] ר דעק פֿון פֿאַרגעסנ־קייט.

אין דער [illegible] טיבער" שרייבט טע־נענבוים: „עס [illegible] זיין טויט־טרויער, זיין שאַפֿענישן און [illegible] דער טויט וואָס מאַכט דעם מענטש טרויעריק, דער מענטש האָט ענטוויקלט אַן עגאָ, וואָס עסט אים אויף. דער דאָזיקער עגאָ איז די שולד פֿון גאָר די ליידן פֿון קנאה פֿון די מענטשן; פֿון זייער שרעק און פּערווערזיטעט. דער מענטש האָט אַריינגע־טראָגן אינעם אוניווערז זיין מעכטיקן אינדיווידואַליזם.

אָבער די נאַטור פֿאַרטראָגט נישט קיין אינדיווידואַליזם. דער טויט אין דער נאַטור איז נאַטירלעך, איז אַ פֿריי ווערן פֿון די טרויערן פֿון לעבן. דער בוים וויל שטאַרבן כדי זיין לעבן איבערצוגעבן אין די בלוט־אַטעריעס, אין די צווייגנהענט פֿון טויזנטער בוימער־לעבנס.

זיי נישט עגאָאיסטיש! שענק דיין לעבן צו אַנדערע — ווען דו אַליין ביסט אַלט געגוג קיין שום נוצן מער דערפֿון נישט צו האָבן. וועט דיין לעבן נישט גיין פֿאַרלוירן ווי אַ קוואַל, וואָס שטראָמט מיט זיינע וואַסערן אויף פֿעלדזיקע בערג... דיין לעבן וועט זיין ווי אַ טייך וואָס שטראָמט אין גרויסן ים אַריין, אין ים פֿון לעבן — פֿון אוניווערז...

דאָס איז דער מהות פֿון ש. טענענבוים דער מענטש, דער ייִד און דער קינסטלער וואָס רייסט כסדר און אומאויפֿהערלעך זיך צו דער אייביקייט, — אַזוי ווי דער נאַכטפֿאַלק צום ליכט; אין וועלכן ס'ליגט פֿאַרבאָרגן דער אייבי־קער רייץ צו שיינקייט, לעבן, העלקייט און טויט... און הגם דאָס דאָזיקע ליכט זענגט כסדר זיינע פֿליגלען — וואָס מער ער גלוסט דערנאָך און פֿלאַטערט דערצו; ווערט ער אָבער פֿאָרט נישט מיד און דערשראָקן זיך כסדר ווידער דערצו אויפֿצוהויבן. דאָס איז דער אייביקער קרייז אַרום זיך, דעם לעבן, גאָט און דעם טויט...

אַז ליידן זענען דער שכר פֿון וויסן, — דאָס איז פֿון אונדזער אַלטן קהלתן אין טענענבוימס נשמה טיף אַריינגעדרונגען. דערפֿאַר איז זיין וועג: דורך ליידן צום וויסן, דורך וויסן צום ליכט, דורך די שוואַרצע וואָלקן פֿון טויט צום אייביקן לעבן און שאַפֿן...

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

**(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

**שבת,** דעם 8־טן דעצעמבער: סעם דרין: ישׂראל אויף וועלכן וועג?

**שבת,** דעם 15־טן — סימפּאָזיע איבער די דייטשע „גוטמאַכונג".

**שבת,** דעם 22־טן — אברהם־רייזן־יובל; אייזיק גאָלדבערג, י. ביעטש.

**שבת,** דעם 29־טן — די טראַדיציאָנעלע חנוכה־פֿייערונג. הערמאַן טוניס נ. רובין און א. בלום.



---

**בן אורי,** 14 פּאָרטמען סטריט, וו.1.

**זונטאָג,** דעם 30־טן **דעצעמבער,** 8 אַזייגער

חנוכה אין די יידישע פּראָזע און פּאָעזיע

עס באַטייליקן זיך: משה עובד, יידל גאָלדבערג, י. ביעטש, נ. רובין, און רחל מירסקי. פּאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

---

★ **אין חדר אריין** . . 10 שילינג

★ **אין זכות פון די טעג** . . 5 שילינג

★ **זינגענדע רעיונות** . . 7 שילינג 6 פּענס

★ **די גאולה שעה** . . 7 שילינג 6 פּענס

★ **וויזיאָנען און איידעלשטיינער** . . 1 פּונט

(אין דריי טיילן, אילוסטרירט)

**די ביכער צו באַקומען דירעקט פון מחבר:—**

MOSHE OVED, 26 *Museum Street, London, W.C.*1.

---

שוין אַרויס פון דרוק קייטי בראָונס נייער בוך

**„אלץ אין איינעם"**

נייע פעליעטאָנען, סקיצן און דערציילונגען, צו באַקומען אין יעדער יידישער בוכהאַנדלונג און ביים מחבר:

KATIE BROWN, 26, Chicksand Street, E.1.

פרייז 15 ש. 6 פּ. פּאָסט פריי.

---

### צו די אבאנאמענטן פון „לשון און לעבן"

מיר בעטן אַלע אַבאָנאַמענטן פון „לשון און לעבן" צוצושיקן דעם אַבאָנאַ־מענטן אָפּצאָל. מיר זענען זייער געענגט און מיר נויטיקן זיך אינם געלד, כדי דער זשורנאַל זאָל קענען ווייטער דערשיינען.

עס איז דער לעצטע חודש פונם יאָר, בעטן מיר צו געדענקן און איינצוצאָלן דעם יערלעכן אַבאָנאַמענטן אָפּצאָל פאַר אונזער זשורנאַל.

**אין אלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאַר:**

A. RUBIN, 17 Putney Road, Enfield, Middlesex
*Phone* : Waltham Cross 3783

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Jewels by Sah* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

**IDEAL TRIMMINGS LTD.**

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1
***Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1***